De tekst van *Drai almones* kwam tot stand dankzij het grote Sjolem Alejchem project van Raphael Finkel:
http://www.cs.uky.edu/~raphael/yiddish/searchSholem.cgi.

Het project beoogt om het Verzamelde Werk van Sjolem Alejchem om te zetten in digitale tekstbestanden. Als eerste stap zijn daartoe alle gedrukte teksten gescand en met een speciaal OCR-programma omgezet in digitale tekst. Bij dit proces blijven er vanwege de onvolkomenheden in het originele zetsel nog vele fouten over in de tekst. In een vervolgstap worden de teksten door redacteuren (vrijwilligers) minitieus nagelezen en gecorrigeerd.
De tekst van *Drai almones* werd gecorrigeerd door Esther Shlafer.

In het zomernummer *Geld uit de hemel* van Grine Medine staat een vertaling in het Nederlands van dit verhaal. Voor € 15 te bestellen bij www.amphorabooks.nl.

www.grinemedine.nl

# שלום עליכם

## דרײַ אַלמנות

## Dray almones

אַ ספּור פֿון אַן אַלטן בחור אַ בעל־כּעסן

א.

### אַלמנה נומער איינס

— איר האָט אַ טעות, פּריץ מײַנער. נישט אַלע אַלטע מוידן זײַנען אומגליקלעך, נישט אַלע אַלטע בחורים זײַנען עגאָיִסטן. אײַך דאַכט זיך אויס, זיצנדיק אָט דאָ אין קאַבינעט מיט אַ ציגאַר אין מויל און מיט אַ ביכל אין האַנט, אַז איר ווייסט שוין אַלצדינג, אַז איר האָט שוין אַרײַנגעדרונגען טיף אין דער נשמה אַרײַן, און עס איז אײַך שוין פֿאַרענטפֿערט אַלע קשיות. און ווער שמועסט, אַז גאָט האָט אײַך געהאָלפֿן, איר האָט נאָך געפֿונען דאָס ריכטיקע וואָרט „פּסיכאָלאָגיע" — פּס! ווער איז צו אײַך גלײַך? אַ קלייניקייט פּסי־כאָ־לאָ־גיע!... ווייסט איר, וואָס איז די טײַטש פּסיכאָלאָגיע? פּסיכאָלאָגיע איז פּעטרישקע. עס זעט אויס שיין, האָט אַ גוטן ריח, און אַז מע שיט דאָס אַרויף אַף אַ געקעכטס, איז דאָס געשמאַק. גייט־זשע אָבער קײַט פּעטרישקע! איר ווילט נישט? הײַנט וואָס דערציילט איר מיר פּסיכאָלאָגיע? אַז איר ווילט וויסן די אמתע פּסיכאָלאָגיע, זעצט מען זיך אַוועק און מע הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס מע דערציילט אײַך, און ערשט נאָכדעם וועט איר אַ ברירה האָבן אַרויסצוזאָגן אײַער מיינונג, פֿון וואַנען עס נעמט זיך אומגליק און ווו ליגט עגאָיִזם. אָט בין איך אַן אַלטער בחור, און אַן אַלטער בחור וועל איך שוין שטאַרבן. פֿאַר וואָס? אָ! זעט איר, וויבאַלד איר פֿרעגט פֿאַר וואָס און ווילט מיך אויסהערן, איז דאָס די אמתע פּסיכאָלאָגיע! דער עיקר איז, איר זאָלט מיך נישט איבערשלאָגן מיט קיין קשיות, ווי אַזוי און

וואָס און ווען — איך האָב פֿײַנט, אַז מע שלאָגט מיך איבער אין מיטן. אַ ביסל, ווייסט איר דאָך, בין איך אַ קאַפּריזנער פֿון תּמיד אָן, און די לעצטע צײַט האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפֿן נערוון אויך... נישט חלילה משוגע, שרעקט אײַך נישט! משוגע — דאָס פּאַסט פֿאַר אײַך; איר האָט אַ ווײַב. איך טאָר נישט. איך דאַרף זײַן קלאָר. איך דאַרף זײַן געזונט. דאָס וועט איר אַליין אויך צוגעבן. מיט איינעם וואָרט, קיין קשיות זאָלט איר מיך נישט פֿרעגן. אַז איך וועל אײַך האָבן דערציילט די גאַנצע מעשׂה און אײַך וועט עפּעס זײַן קשה, נישט גלאַטיק, דעמאָלט וועט איר צו מיר האָבן טענות. נו? שוין? אַלזאָ, זעצט איר זיך נאָר אַוועק אָט דאָ אַף מײַן אָרט, און איך וועל מיך באַזעצן מחילה אין אײַער וויגשטול. איך האָב אויך ליב, אַז ס׳איז ווייך און באַקוועם, און אַגבֿ איז פֿאַר אײַך בעסער אָט דאָ, איר וועט ניט אײַנשלאָפֿן...

אַלזאָ, איך גיי גלײַך צו דער מעשׂה. איך האָב פֿײַנט הקדמות, אי־בעריקע רייד. געהייסן האָט זי פֿאַיע, און גערופֿן האָט מען זי „די יונגע אַלמנה". פֿאַר וואָס? הייבט זיך אָן אַ מעשׂה, פֿאַר וואָס! וואָס פֿאַר־שטייט איר ניט? מסתּמא, אַז מע האָט זי גערופֿן „די יונגע אַלמנה", איז דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ יונגע און אַן אַלמנה. מאָלט אײַך, איך בין געווען ייִנגער פֿון איר. אַף וויפֿל ייִנגער? וואָס מאַכט דאָס אײַך אויס? איך זאָג אײַך ייִנגער, איז ייִנגער. מיט איינעם וואָרט, עס האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן אַ צונג, און האָבן געזאָגט, באשר איך בין אַ בחור און זי אַ יונגע אַלמנה, איר פֿאַרשטייט?... אַנדערע האָבן מיר זאָגאַר אָפּגעגעבן מזל־טובֿ, געווונטשן, ס׳זאָל זײַן מיט גליק. איר מעגט מיר גלייבן, און טאָמער ווילט איר מיר ניט גלייבן, בין איך אויך ניט בדלות. איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך נישט אויסשטעלן. איך בין איר גע־ווען אַזאַ פֿאָר, אַזוי ווי איר זײַט מיר אַ פֿאָר. גאָרניט, גוטע פֿרײַנט, מע האָט זיך ליב געהאַט. און וואָס איז דאָס חידוש? כ׳בין נאָך געווען באַקאַנט מיט איר מאַן. נישט נאָר באַקאַנט, נאָר באַפֿרײַנט. דאָס הייסט, איך זאָג אײַך ניט, אַז מיר זײַנען געווען פֿרײַנט. איך זאָג, אַז מיר זײַנען געווען באַפֿרײַנט. ס׳איז גאָר צוויי זאַכן: מען קאָן זײַן באַפֿרײַנט און ניט זײַן קיין פֿרײַנט, און, פֿאַרקערט, מע קאָן זײַן די נאָענטסטע פֿרײַנט און ניט זײַן באַפֿרײַנט. אַזוי מיין איך. אײַער מיינונג פֿרעג איך נישט! אַלזאָ, זײַנען מיר מיט איר מאַן געווען גוט באַפֿרײַנט, געשפּילט אַ פּרעפֿעראַנס, אַמאָל אַ שאָך. מע זאָגט, אַז איך בין אַ באַרימטער שאַכמאַטיסט. איך

שטעל מיך ניט אויס פֿאַר אײַך! עס קאָן זײַן, אַז ס'איז דאָ גרעסערע שפּילער פֿון מיר. איך זאָג אײַך נאָר, וואָס יענער זאָגט... איז ער געווען, דער מאַן אירער, אַ יונגערמאַן אַ גראַטענער, אַ מושלם, און דערצו טאַקע אַ קענער אויך, אַ שיינער קענער. און דווקא אַן אויטאָדידאַקט, פֿון זיך אַליין הייסט עס, אָן גימנאַזיעס, אָן אוניווערזיטעטן, אָן דיפּלאָמען. נאַט אײַך אַ האַרטן דרײַער פֿאַר אַלע דיפּלאָמען. וואָס? איר ווילט ניט? ווי איר ווילט אײַך. איך האָב פֿײַנט איבערשפּאַרן יענעם! און אַן עושר איז ער אויך געווען, אַ גרויסער עושר. כאָטש איך ווייס ניט, וועלכעס הייסט באַ אײַך אַן עושר? באַ אונדז, אַ ייִד, אַז ער האָט זיך זײַן שטוב מיט זײַן בעל־הבתּישקייט, מיט זײַן פֿאַעטאָנדל אַף אַרויסצופֿאָרן אין שטאָט, און נאָך גוטע געשעפֿטן דערצו, הייסט ער אַן עושר. מיר טראַס־קען ניט! מיר קנאַקן ניט! מיר פֿליִען ניט אין הימל אַרײַן! מיר גייען פּאַוואָליע. אַלזאָ, האָט ער געהאַט געשעפֿטן און האָט גוט געלעבט. עס איז געווען אַ חיות אַהין אַרײַנצוגיין! ווען איר זאָלט ניט קומען, זײַט איר אַ ווילקאָמענער גאַסט. נישט ווי באַ אַנדערע, וואָס דעם ערשטן מאָל, אַז איר קומט, ווייס מען ניט, ווּ מע זאָל אײַך אַוועקזעצן. דאָס אַנדערע מאָל — שוין אַביסל קעלטער. דאָס דריטע מאָל נעמט מען אײַך אויף אַזוי קאַלט, אַז איר כאַפּט אַ פֿאַרקילונג... איר האָט נישט וואָס צו שמייכלען: איך מיין דערמיט, חלילה, נישט קיין באַקאַנטע... זײַט איר אַרײַנגעקומען אַהין, האָט מען אײַך נישט אַוועקגעלאָזט אָן עסן און טרינקען, און באַגאַנגען האָט מען זיך מיט אײַך, ווי מיט אַן אייגענעם. וואָס דאַרפֿט איר אַ סך? איר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן — אַ קנעפּל, אַז עס האָט זיך אָפּגעריסן באַ דער זשילעט, האָט דאָס געמוזט ווערן צוגענייט אין דער מינוט! איר לאַכט? באַ אײַך איז דאָס אַ גלעלעכטער. אַ קנעפּל? וואָס אין אַ קנעפּל? אַ קנעפּל, ליבער פֿרײַנט, באַ אַ נאַש־בראַט, באַ אַ בחור, איז אַ גרויסע זאַך! אַ גאַנצע וועלט! איבער אַ קנעפּל האָט זיך אַמאָל גע־טראָפֿן אַ מיאוסע מעשׂה: אַ בחור איז געקומען אָנקוקן אַ מיידל, האָט מען אים אָנגעוויזן מיט אַ גלעלעכטער, אַז עס פֿעלט אים אַ קנעפּל, איז ער אַוועק אַהיים און האָט זיך געהאַנגען... נאָר איך שטעל מיך ניט אָפּ דער־רויף: איך האָב פֿײַנט מישן אײנס אינעם אַנדערן... און געלעבט האָבן זיי צווישן זיך, מאַן און ווײַב, טאַקע נאָר ווי די טײַבעלעך. אָפּגעגעבן זיך אײנס דאָס אַנדערע כּבֿוד אַ סך מער, ווי אַ סך הײַנטיקע גאָר־גאָר פֿון די געהויבענע. איך מיין דאָ, חלילה, נישט אָנצוגרײַפֿן קיינעם. און

טאָמער מיינט איר אַנדערש, אַרט מיך אויך נישט. איך גיי מיר צו מײַן דערציילונג.

ויהי היום, טרעפֿט זיך אַ מעשׂה, אַז פּיניע, פֿאַיעס מאַן, אַזוי האָט מען אים גערופֿן, קומט צו פֿאָרן אַהיים, לייגט זיך אַוועק אַף פֿינף טעג, און אַפֿן זעקסטן — ניטאָ פּיניע! בע! מע! וואָס? ווי אַזוי? פֿרעגט נישט! אַ קאַרבונאַק האָט ער געהאַט אַפֿן האַלדז, האָט מען אים באַדאַרפֿט שנײַדן און מע האָט אים נישט געשניטן. פֿאַר וואָס? פֿאַר שבת! ס׳איז דאָך פֿאַראַן עפּעס דאָקטוירים אַף דער וועלט! צוויי דאָקטוירים האָב איך אים געבראַכט צו פֿירן, האָבן זיי זיך גענומען אַמפּערן צווישן זיך: דער האָט געזאָגט שנײַדן, דער האָט געזאָגט ניט שנײַדן! דערווײַל איז דער חולה אויסגעגאַנגען. וואָס זאָלט איר קלערן? איר מעגט אײַך איבערנעמען מיט אײַערע דאָקטוירים! איך זאָל אײַך אויסרעכענען אַ צעטל, וויפֿל די לײַט האָבן איבערגעפּעקלט מענטשן אַף יענער וועלט, וואָלט איר זיך געריסן באַ די האָר! מײַנע אַן אייגענע שוועסטער האָבן זיי געסמט! וואָס מיינט איר געסמט? גענומען און אײַנגעגעבן איר סם? איך בין דאָך ניט קיין משוגענער, איך זאָל אײַך דערציילן אַזעלכע בבא־מעשׂיות! געסמט הייסט — נישט געגעבן דאָס, וואָס מע דאַרף. זיי זאָלן איר געווען געבן כינין צו דער צײַט, וואָלט זי אפֿשר געלעבט... האָט קיין יסורים נישט, איך ווייס ווו איך האַלט. אַלזאָ, האָבן מיר געפּטרט מײַן פֿרײַנט פּיניע. מילא, וואָס זאָל איך אײַך באַשרײַבן דעם בראָך, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר מיר? אַ ברודער, אַ טאַטע באַדאַרף אַזוי נישט באַנג טאָן! אַ ווערטעלע פּיניע? אַ שטיק לעבן האָט מען באַ מיר אַוועקגענומען! הײַנט דאָס רחמנות! דאָס אומגליק! דער צער פֿון דער אַלמנה! מיט אַ ברעקל קינד אַף די הענט, אַ ראָזעטשקע, אַ גאָלד! דאָס איינציקע שטיקל טרייסט אונדזערס! ווען ניט דאָס קינד, ווייס איך ניט, צי מיר וואָלטן דאָס אי־בערגעטראָגן, נישט זי, נישט איך! איך בין נישט קיין ייִדענע און נישט קיין מאַמע, איך זאָל מיך אַוועקזעצן לויבן אין טאָג אַרײַן אַ קינד. נאָר אַז איך זאָג אײַך, אַז דאָס קינד איז געווען אַ זעלטן קינד, מעגט איר מיר שוין גלייבן אַף נאמנות! דאָס איז געווען אַ בילד, אַן אויסמיש פֿון צוויי בילד־שיינע מענטשן. איך ווייס ניט, ווער פֿון די צוויי איז געווען שענער: צי ער, צי זי? פּיניע איז געווען שיין, פֿאַיע איז געווען רייצנד. אויגן האָט דאָס קינד גערירשנט פֿונעם פֿאָטער; פּיניע האָט געהאַט בלויע אויגן. ליב געהאַט האָבן מיר דאָס קינדביידע, נאָר איך ווייס ניט, ווער

האָט דאָס ליב געהאַט מער: זי, צי איך? איר וועט זאָגן, ווי איז דאָס מעגלעך — זי איז אַ מוטער, איך בין אַ פֿרעמדער? עס קער זיך גאָר נישט אָן. איר דאַרפֿט אַרײַנקוקן אַ ביסל טיפֿער: מײַן צוגעבונדן־זײַן צו דער שטוב, דאָס רחמנות צו דער אַלמנה און דאָס האַרץ צום אומשולדיק יתומהלע, די גרעאָטנקייט פֿונעם קינד און דאָס, וואָס אַליין בין איך עלנט ווי אַ בוים — דאָס אַלץ, אַז איר וועט נעמען צוזאַמען, וועט זײַן אָט דאָס, וואָס איר רופֿט אָן פּסיכאָלאָגיע. נישט קיין פּעטרישקע, נאָר די ריינע, די אמתע פּסיכאָלאָגיע. און אפֿשר וועט איר זאָגן, דערפֿאַר, ווײַל איך האָב ליב געהאַט די מאַמע? איך לייקן נישט אָפּ, איך האָב זי זייער ליב געהאַט. ווייסט איר, ווי אַזוי ליב געהאַט? טאַקע אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט און טאַקע אַ מיתה משונה אײַנגענומען! נאָר זי זאָל וויסן — דאָס לא! גאַנצע נעכט ניט שלאָפֿן, ליגן און טראַכטן, ווי אַזוי זאָגט מען איר? אויפֿשטיין אין דער פֿרי, שוין פֿאַרטיק אַף צו גיין זאָגן איר: „זײַט וויסן, פּאַיע, אַזוי און אַזוי; און ווײַטער — ווי איר פֿאַרשטייט”. געקור־מען צו גיין — נישטאָ קיין ווערטער! איר וועט זאָגן, איך בין אַ טרוס? זאָגט, וואָס אַרט מיך, אַז איר וועט זאָגן? איר זאָלט אָבער נעמען אַביסל טיפֿער באַטראַכטן די לאַגע: פּיניע איז געווען מײַנער אַן אמתער פֿרײַנט, איך האָב אים ליב געהאַט מער ווי אַ ברודער. אַי, די קשיא: פּאַיע? איר האָט דאָך נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איר גייט אויס נאָך איר? איז דער תּירוץ: אַדרבה, אָט ווײַל איך האָב זי ליב, ווײַל איך גיי־אויס נאָך איר, ווײַל איך בין נאָך איר די כּפּרה, קאָן איך נישט! נאָר איך האָב מורא, אַז איר וועט מיך נישט פֿאַרשטיין. איך זאָל אײַך זאָגן פּסיכאָלאָגיע, וואָלט איר פֿאַרשטאַנען, אַז מע דערציילט אײַך פֿונעם האַרצן, דאָס וואָס איז אָן קונצן, קומט דאָס אויס ווילד. נאָר וואָס קימערט דאָס מיך? דענקט אײַך, ווי איר ווילט! איך טו מיר מײַנס, איך דערצייל ווײַטע. דאָס קינד איז געוואַקסן. עס רעדט זיך אַזוי „געוואַקסן”. אַ קינד וואַקסט, אַ בוים וואַקסט, און אַ רעטעך וואַקסט אויך ס׳איז אַ חילוק פֿון וואַקסן ביז וואַקסן. איידער מע דערלעבט צו זען אַ קינד זיצן, שטיין, גיין, לויפֿן, ריידן! און אַז עס זיצט שוין, עס שטייט שוין, עס גייט שוין, עס לויפֿט שוין, עס רעדט שוין, זײַט איר שוין פֿאַרטיק? עס וואָלט געפּאַסט פֿאַר מיר, איך זאָל מיך אַוועקזעצן אויסרעכענען אײַך, ווי אַ ייִדענע: פּאָקע־לעך, מאָזעלעך, ציינדעלעך און אַזוי ווײַטער. איך בין ניט קיין ייִדענע

און איך װעל אײַך מיט נאַרישקײטן ניט פֿאַרנעמען, קײן חכמות פֿונעם קינד װעל איך אײַך ניט גײן דערצײלן. ס'איז געװאַקסן און ס'איז אױס־געװאַקסן און אױפֿגעבליט — „װי אַ צערטלעכע רױז", װאָלט איך גע־זאָגט, װען איך זאָל מיך װעלן אױסדריקן אינעם לשון פֿון אײַערע ראָ־מאַניסטן, װאָס האָבן אַזאַ ידיעה אין דעם אױפֿבליִען פֿון אַ רױז, װי אַ טערק אין רבנן־קדיש. גרױסע בריות אַף צו זיצן מיט די פֿיס צום פֿײַער און באַשרײַבן די נאַטור, מיטן גרינעם װאַלד, מיטן רױשנדיקן ים, מיט די זאַמדיקע בערג, מיטן פֿאַראַיאָריקן שניי, מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות, מיט די נעכטיקע טעג — אָנקוקן קאָן איך זײ ניט, אָט די באַשרײַבעכצן זײערע, װאָס שלאָגן צו דער גאַל! איך לײען זײ גאָר ניט! אַז איך נעם אַ בוך און דערזע, אַז די זון האָט געשײַנט, די לבֿנה האָט געשפּאַצירט, די לופֿט איז געװען דופֿטיק, די פֿײגעלעך האָבן געפּישטשעט, טו איך אַ שלײַ־דער דאָס בוך אין דער ערד אַרײַן! איר לאַכט? איר זאָגט, איך בין אַ משוגענער? בין איך אַ משוגענער! װאָס קאָן זײַן מער?...

אַלזאָ, איז זי אױסגעװאַקסן, אָט די ראָזע, און דערצװיגן געװאָרן מסתּמא װי עס געהער צו זײַן, װי עס פּאַסט אין אַזאַ אינטעליגענט הױז. אַביסל האָט די מוטער אַליין אַכטונג געגעבן אַף איר בילדונג, אַביסל האָב איך געגעבן השגחה, און נישט קײן ביסל, נאָר אַ סך, מע קאָן זאָגן, כּמעט די גאַנצע צײַט האָב איך מיך אַװעקגעגעבן צום קינד, דאָס קינד זאָל האָבן דעם בעסטן לערער, דאָס קינד זאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן אין גימ־נאַזיע, דאָס קינד זאָל שפּילן פּיאַנאָ דאָס קינד זאָל גײן טאַנצן — אַר־מעטום בין געװען איך, איך אַלײן. װער דען? די געשעפֿטן אױך! אַז ניט, װאָלט מען איר צעטראָגן די בײנער! מע האָט זי אַזױ אױך גענוג צענומען, אונדזערע ייִדעלעך!... איך װײס, איר זײַט ברוגז, אַז מע זאָגט „אונדזערע ייִדעלעך". װי קאָן מען אַנדערש זאָגן, אַז ס'איז פֿאָרט אַזאַ פֿאָלק? איר מעגט מיך אָנרופֿן „אַנטיסעמיט", און װי איר װילט. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: אַזױ לאַנג קרענקען די אַנטיסעמיטן, װי לאַנג זײ הײבן ניט אָן צו װיסן, װאָס אַ ייִד איז!... אַף אַ ייִדן פֿרעגט מ י ך!...
איך אַלײן האָב מיט זײ געהאַנדלט װינציק. איר װײסט דאָך איך האָב מיר מײַנע הײַזער מיט מײַנע קלײטן, װאָס טראָגן מיר אַרײַן אַ גרױסע אײַנ־קונפֿט, און אַ סוף. האָב איך אױך פֿונדעסטװעגן צו זינגען און צו זאָגן אַלע יאָר, אַז עס קומט צו מאַכן קאָנטראַקטן, רעמאָנטירן די הײַזער,

נעמען דירה־געלט, מאָלט אײַך, די גויים זײַנען אויך ניט בעסער. אַזאַ יאָר אַף זיי! אָבער פֿון אַ ייִדן האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, ער זאָל שטיין כאָטש אַביסעלע העכער; פֿאָרט, ווי זאָגט איר, אַתּה בחרתנו!... איר מיינט, אַז איר מיט אײַער „אתה בחרתנו", וואָס איר זינגט אים אײַן,

טוט איר אים אַ גרויסע טובֿה? עס הייבט זיך נאָר נישט אָן! וואָס? איר קאָנט דאָס נישט לײַדן? איך לאָז מיך מיט אײַך נישט אַרײַן אין קיין דיסקוסיעס. איר זאָגט אַזוי, לאָז זײַן אַזוי. יעדער מעג זיך האָבן זײַן מיינונג. יענעמס מיינונג קימערט מיך נישט. איך ווייס מיר מײַנס.

אַלזאָ, וווּ האַלטן מיר? באַ „אונדזערע ייִדעלעך". וויבאַלד מײַן פּיניע איז געשטאָרבן און פֿאַיע איז געבליבן אַן אַלמנה, האָבן זיך מסתּמא גע־געבן אַ לאָז צו איך שיינע מענטשן, בעלי־טובֿות, עצה־געבערס, און מע האָט אָנגעהויבן באַ איר צענעמען דאָס חדר, געוואָלט אויסמאַכן אַן אויער, ווי עס געהער צו זײַן. האָב איך זיך אונטערגעכאַפּט באַצײַטנס: „קינדערלעך — אַזאַס!" און איך האָב גענומען אַקאָרשט אַלע געשעפֿטן צו זיך אין די הענט אַרײַן. זי האָט אַפֿילו געוואָלט, איך זאָל צושטיין ווי אַ שותּף, האָב איך געזאָגט: לאָ! איך וועל מײַנע הײַזער ניט פֿאַר־קויפֿן און דעם קאָפּ זיך ניט פֿאַרדרייען. זאָגט זי: ס'איז ניט נייטיק די הײַזער צו פֿאַרקויפֿן; איך קאָן אַזוי זײַן אַ שותּף. נו, וואָס, מיינט איר, האָב איך דערויף געענטפֿערט? איך האָב געענטפֿערט, אַז דאָס אַנדערע מאָל זאָל מען מיר אַזעלכעס ניט פֿאָרלייגן, וואָרעם איך ווער פֿאַר אַזעל־כע זאַכן ברוגז. ער, עליו השלום, זאָג איך, האָט ניט פֿאַרדינט, אַז איך זאָל אײַך הייסן באַצאָלן פֿאַר מײַן טרחה, זאָג איך, און פֿאַר מײַן צײַט. זאָג איך, דאַרף איך קיין געלט נישט נעמען. איך האָב גענוג, זאָג איך, צײַט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג מיך, זאָג איך, קאָפּ אין וואַנט... אַזוי זאָג איך צו איר, צו דער אַלמנה, און זי שווײַגט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן — און שאַ! אויב איר זײַט אַ מבֿין אַף אַ טשאַד, באַדאַרפֿט איר פֿאַרשטיין, וואָס איך האָב מיט די ווערטער געמיינט... אַי, פֿאַרוואָס האָב איך איר ניט געזאָגט גלײַך? איר זאָלט קיינמאָל נישט פֿרעגן, פֿאַר וואָס! מסתּמא איז ניט אויסגעקומען. איך קאָן אײַך נאָר פֿאַרזיכערן, אַז ס'איז געווען אַזוי גרינג, ווי צו פֿאַררייכערן אָט דעם פּאַפּיראָס. איין וואָרט ווען איך זאָג איר — איז דאָס אַ שידוך. נאָר אַז איך האָב גענומען אַפֿן קאָפּ: „סטײַטש, פּיניע!... אַזעלכע גוטע

פֿרײַנט, ווי מיר זײַנען געווען!"... איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. איר ווילט זאָגן, אַז מסתּמא האָט דאָס צווישן אונדז נישט אַזוי מסוכּן גע־ברענט ס'זאָל זײַן אַי־אַי־אַי. האָט איר אַ גרויסן טעות. אַז איך בין גע־ווען נאָך איר די כּפּרה — האָב איך אײַך שוין געזאָגט, און אַז זי נאָך מיר — דאַרף איך אײַך נישט דערציילן קיין מעשׂיות, וואָרעם איר וועט מיינען, אַז... נאָר וואָס גייט מיך אָן, וואָס איר וועט מיינען? איר הייסט בעסער דערווײַל געבן טיי, וואָרעם ס'איז מיר שוין טרוקן אין האַלדז.

אַלזאָ, ליבער פֿריץ מײַנער, באַ וואָס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, גע־דענקט איר? באַ די געשעפֿטן. נו, געשעפֿטן! איך וועל זיי האָבן צו גע־דענקען ווײַל איך וועל לעבן. עקספּלאָאַטירט אַליין איז ווינציק; אַרומגע־שטעקט מיט פֿעדערן! פֿרייט זיך ניט! נישט מיך — זי! מיך שטעקט מען ניט אַרום מיט פֿעדערן. ווייסט איר, פֿאַר וואָס? ווײַל איך לאָז מיך ניט. נאָר וואָס העלפֿט דאָ יאָ לאָזן זיך, ניט לאָזן זיך, אַז מע האָט צו טאָן מיט שווינדלערס, זשוליקעס, באַנדיטן, וואָס וועלן אײַך פֿאַרדרייען דעם גרעסטן? זיי האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מע זאָל באַ אונדז צונעמען דאָס ביסל מינץ. מאָלט אײַך, נישט אַזוי גיך נעמט מען צו באַ מיר געלט. זיי האָבן זיך, מאָלט אײַך, גענוג אָנגעמוטשעט, זיי האָבן באַ מיר, אַ רוח אין זייער זיידנס טאַטן, געשפּיגן מיט בלוט, ביז זיי האָבן אויסגעמאַנטאַטשעט, אויסגעפּאָמפּעט באַ אונדז — איר ווילט וויסן וויפֿל זיי האָבן געקאָנט! אַ גליק, וואָס איך האָב מיך באַצײַ־טנס אַרומגעקוקט און האָב געזאָגט צו מײַן אַלמנה: גענוג! עד כּאַן אומרים בשבת הגדול! אָפּגעשניטן, ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, און ערשט באַם אָפּשנײַדן, האָט מען איר אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, אָבער אַזוי ווי עס געהער צו זײַן. אַי, ווי אַזוי האָב איך דערלאָזט, וועט איר פֿרעגן? איך וואָלט אַ בעלן זײַן זען, ווי אַזוי וואָלט זיך אַזאַ חכם, ווי איר, אויסגעדרייט פֿון אַזעלכע באַנדיטן! און אפֿשר וואָלט איר עס געמאַכט בעסער. עס קאָן זײַן. איך וועל מיך נישט שפּאַרן. דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן אַף מיר זאָגן — איך בין נישט קיין סוחר. אומגליקלעך בין איך! אַבי ניט קיין באַנדיט! איר מיינט, אַז דאָס האָט מיך שוין גאָרנישט געקאָסט? נאָר איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך נישט אויספֿײַנען. איך וויל אײַך נאָר דער־ציילן, ווי אַזוי עס האָט זיך באַ מיר געקייטלט, ווי אַזוי אַלץ האָט גע־טריבן דערצו, אַז די אַלמנה זאָל נישט פֿאַרבלײַבן קיין אלמנה,

און איך זאָל נישט פֿאַרבלײַבן קיין אַלטער בחור. איין וואָרט, נישט מער ווי איין איינציק וואָרט, וואָלט איך באַדאַרפֿט זאָגן — און איך האָב עס נישט געזאָגט! פֿאַר וואָס איך האָב עם נישט געזאָגט? הערסטו! אָט דאָ שטייען די אָקסן אונטערן באַרג! און אָט דאָ הייבט זיך אָן די אמתע פסיכאָלאָגיע! אַ נײַע סדרה גייט אַצינד פֿאַר מיר. אַ סדרה, וואָס זי הייסט „ראָזע"!... איר הערט נאָר צו מיט קאָפּ און פֿאַרלירט ניט קיין וואָרט, וואָרעם דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטער ראָמאַן, פֿאַרשטייט איר מיך. דאָס איז אַ געשיכטע אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע, אַרויסגעריסן גלײַך פֿונעם האַרצן!...

איך ווייס ניט, עס ליגט עפּעס אַ כּח אין יעדער מוטער, אַז זי זעט, איר קינד איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די קורצע קליידלעך, אַזוי גלוסט זיך איר שוין זען איר טעכטערל פֿאַרקנסט. אַ שטיק געזונט קומט איר צו, אַז זי דערזעט יונגעלײַט דרייען זיך אַרום איר טאָכטער. יעדער בחור איז באַ איר אַ חתן. אַי, טאָמער איז דער בחור אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, מיט אַ שאַרלאַטאַן, מיט אַ קאָרטנשפּילער, מיט אַ־דער־שוואַרצער־יאָר־ווייס־וואָס? דאָס גייט איר נישט אָן! מאָלט אײַך, קיין פּוסטע בחורים מיט קיין שאַרלאַטאַנעס זײַנען צו אונדז נישט געגאַנגען, וואָרעם, ערשטנס, איז ראָזע געווען נישט פֿון די, וואָס קענען זיך מיט יעדן טענצער וואָס קאָן זיך שיין דרייען, אויסבויגן די האַנט, ווי אַ בייגל, שאַרן מיטן פֿיסל און מאַכן אַ בואי־בשלום, אַ רעוועראַנסל פֿון אַז אמתן אָפֿיציר. דאָס האָט איר אײַך נומער איינס. און צווייטנס, ווּ בין איך? איך וועל דער־לאָזן, אַז אַ פֿײַפֿער פֿון די פֿײַפֿערס זאָל זיך אָנרירן, זאָל צוגיין דרײַ טריט צו ראָזען?! איך וואָלט אים, דאַכט מיר, פֿריִער אַלע ביינער אי־בערגעבראָכן! אַש וואָלט איך פֿון אים געמאַכט! איך בין אַמאָל געווען מיט איר אַף אַ באַל, אַף אַ ייִדישן באַל, אין קלוב, צווישן לויטער אַריס־טאָקראַטן, אָט די, וואָס איר רופֿט אָן בורזשואַזיע... איז צוגעגאַנגען צו אונדז איינער אַ „פֿײַנער יונג", אויסגעבויגן דעם עלנבויגן האָט דאָס ווי אַ „קרענדל", אײַנגעבויגן דאָס קעפּעניו אַביסל אַף אַ זײַט, און אַ שאַר געטאָן מיטן פֿיסעניו, און אַ שמייכל פֿון סאַמע האָניק האָט זיך צעגאָסן באַ אים אַפֿן פּנימל, און מיט אַ קוויטשעניו פֿון אַ מיידלש קולכל האָט ער אַ זאָג געטאָן... דער רוח ווייס, וואָס ער האָט אַ זאָג געטאָן. צום טאַנצן האָט ער זי אײַנגעלאַדן. נר־נו, האָט ער געכאַפּט פֿון מיר אַ טאַנץ! ער וועט מיך האָבן צו געדענקען! מיר האָבן זיך עס נאָכדעם אָנגעלאַכט פֿונעם

שלים־מזלדיקן קאַוואַליער! פֿון דעמאָלט אָן האָבן שוין אַלע קאַוואַליערן געוווּסט, אַז מע וויל זיך באַקענען מיט ראָזען, דאַרף מען פֿריִער אָנקו־מען צו מיר, דורכגיין אַ שטיק עקזאַמען, און ערשט נאָכדעם נעמען דעם וועג. זיי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „צערבער”, אַ הונט, הייסט עס, וואָס ליגט באַם אײַנטריט פֿון גן־עדן. בין איך בדלות! ווייסט איר, ווער ס'איז דערפֿאַר געווען ברוגז? די מוטער! „איך טרײַב, זאָגט זי, מענטשן פֿון שטוב”. „וואָסערע מענטשן, זאָג איך, ס'איז הינט, זאָג איך, ניט קיין מענטשן!” איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, ביז ס'איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע. וואָס מיינט איר — מיר האָבן זיך צעקריגט? אַ חכם זײַט איר טאַקע, נאָר הײַנטיקס מאָל האָט איר דווקא נישט געטראָפֿן! איידער טרעפֿן, הערט בעסער, וואָס מע דערציילט אײַך.

אַלזאָ, איך קום איינמאָל צו גיין צו מײַן אַלמנה, טרעף איך אַ גאַסט, עפּעס אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר צוואַנציק אָדער דרײַסיק. פֿאַראַן אַזעלכע יונגעלײַט, וואָס איר וועט בשום אופֿן ניט טרעפֿן, וויפֿל זיי זײַנען אַלט. דער יונגערמאַן, למאַי זאָל איך לייקענען, איז געווען אַ חנוודיקער יונ־גערמאַן, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ מענטש מיט סימפּאַטיע, מיט אַ גוט פּנים, מיט גוטע אויגן — איר קאָנט צו אים נישט האָבן גאָרניט. געפֿעלן איז מיר דער בחור פֿונעם ערשטן קוק — ווייסט איר פֿאַר וואָס? דערפֿאַר, ווײַל איך האָב פֿײַנט זיסע מענטשעלעך מיט צוקערדיקע פּנימ־לעך, מיט האָניקדיקע שמייכעלעך. אָנקוקן קאָן איך נישט אָט די נמאסדיקע נפֿשות, וואָס קוקן אײַך פֿרײַנטלעך אין די ציין אַרײַן און באָמקען אײַך נאָך איטלעכס וואָרט, וואָס איר זאָגט, און זײַנען מיט אײַך מסכּים, אַז אין תּמוז שיט אַ שניי, און טאָמער ווילט איר האָבן, אַז פֿיש וואַקסן אַף אַ ווײַנשלבוים, האָט איר אויך באַ זיי געפּועלט... איך, אַז איך באַגעגן מיך מיט אַזאַ מין נפֿש, ווילט זיך מיר זייער אויסשמירן אים מיט האָניק, און לאָזן די בינען האָבן הנאה... ווי אַזוי האָט געהייסן דער יונגערמאַן, ווילט איר וויסן? למאַי נפֿקא־מינה? לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט געהייסן שאַפּיראָ. אַן עק! זײַט איר שוין צופֿרידן? און געווען איז דאָס מענטשל אַ בוכהאַלטער אין אַ בראָנפֿן־פֿאַבריק, און נישט נאָר אַ בוכהאַלטער, נאָר אַ גאַנצער בעל־הבית, און אַז איר ווילט, האָט ער אין געשעפֿט געהאַט מער דעה פֿונעם בעל־הבית, און אַ בעל־הבית, וואָס האָט ניט קיין צו־טרויען צו זײַנע מענטשן, איז ניט ווערט צו זײַן אַ בעל־הבית... איר מעגט אײַך האָבן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג — איך פֿרעג אײַך ניט!

אַלזאָ, איך בעט אײַך, מע שטעלט מיר פֿאָר אַ יונגנמאַן, וואָס הייסט שאַפּיראָ, און איז אַ בוכהאַלטער, און אַ בעל־הבית, און אַן ערלעך מענטשל, און אין שאָך שפּילט ער אויסגעצייכנט, דאָס הייסט, ער שפּילט ניט ערגער פֿון מיר, איר מעגט אײַך קלערן, אַז בעסער, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איך שטעל מיך פֿאַר אײַך ניט אַרויס פֿאַר קיין שאָכ־שפּילער — הײַנט גייט זײַט אַ נבֿיא, אַז דאָ פֿאַרקייטלט זיך אַ ראָמאַן, און נאָך וואָס פֿאַר אַ ראָמאַן! אַ געפּערלעכער ראָמאַן! איך זאָל זײַן אַזאַ פֿערד און נישט אַרויסגעזען דאָס באַלד פֿונעם ערשטן אָפּצוג? שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך אַליין מיט מײַנע הענט האָב אונטערגעלייגט האָלץ אַפֿן פֿײַער, געלויבט דעם יונגנמאַן אין טאָג אַרײַן, געמאַכט פֿון אים אַ גאַנצן צימעס! פֿאַרברענט זאָל ווערן דער שאָך און אָנצינדן זאָלן זיך אַלע שאָכשפּילער פֿון דער גאַנצער וועלט! איך האָב געשפּילט מיט אים אין שאָך, און ער האָט געהאַט אַן אַנדער זאַך אין דער מחשבֿה. איך האָב באַ אים גענומען אַ „קעניגן", און ער האָט באַ מיר אַוועקגענומען ראָזען! איך האָב אים געגעבן אַ „מאַט" אין צען גענג, און ער האָט מיר געגעבן אַ „מאַט" אין דרײַ גענג, וואָרעם צום פֿערטן גאַנג, דאָס הייסט, אַז ער איז געקומען צום פֿערטן מאָל, האָט מיך מײַן אַלמנה אָפּגערופֿן אַף אַ זײַט און מיט אַ מאָדנע פֿײַערל אין די אויגן האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַ בשׂורה טובֿה, אַז עס האָט זיך אָנגענומען, און ס'איז אַ שידוך, און ראָזעטשקע איז אַ כּלה פֿאַר אָט דעם שאַפּיראָ, און זי איז אַפֿן זיבעטן הימל, און מזל־טובֿ אײַך און מיר און אונדזביידן!...

וואָס מיט מיר איז געוואָרן, אַז איך האָב דערהערט די דאָזיקע שיינע בשׂורה, וויל איך אײַך ניט דערציילן. איר וועט זאָגן, אַז איך בין אַ גזלן, אַ מטורף, אַ משוגענער. זי, די אַלמנה הייסט עס, האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע. פֿריִער האָט זי געלאַכט, נאָכדעם האָט זי זיך צעשריִען אַף מיר, און געענדיקט האָט זיך די געשיכטע מיט טרערן, מיט היסטעריקע, מיט אַלע גוטע זאַכן — אַן אמתער קאָנפֿליקט! עס האָט, פֿאַרשטייט איר מיך, אויסגעזעצט דער בלאָטער און ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן אונדז אַ האַר־טער געשפּרעך, מיר האָבן זיך ניט געשאַנעוועט איינס דאָס אַנדערע, און מיר האָבן אין איין האַלבע שעה אַרויסגעזאָגט ביידע אַזויפֿיל אמת, וויפֿל מיר האָבן נישט אַרויסגערעדט אין אַלע צוואַנציק יאָר פֿון אונדזער באַ־קאַנטשאַפֿט! איך האָב איר גאַנץ אָפֿן דערקלערט, אַז זי איז מײַן מלאך־המות, אַז זי האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער, אַז זי האָט צוגענומען

באַ מיר מײַן אײנציקע טרײסט, אַרויסגעריסן מײַן נשמה, ראָזען, און אַוועקגעגעבן אַן אַנדערן. דערויף האָט זי מיר געענטפֿערט, אַז אויב עמער צער פֿון אונדז בײדן איז אַ מלאך־המות — בין איך דאָס, ניט קײן אַנ־דערער, און אַז אויב עמעצער פֿון אונדז בײדן האָט אַרויסגעריסן באַ יעע־נעם די נשמה — האָב איך דאָס געטאָן מיט איר נשמה, און נישט מיט אַמאָל, נאָר פּאַוואָלינקע, אין פֿאַרלויף פֿון מער אַלס אַכצן יאָר!... וואָס דאָס האָט באַטײַט — דאַרף איך אײַך נישט דערקלערן; דאָס פֿאַרשטײט אַפֿילו אַ נאַר אויך. און וואָס איך האָב איר דערויף געזאָגט, בין איך אײַך נישט מחויב צו דערצײלן. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן, אַז איך האָב מיך באַגאַנגען מיט איר נישט ווי אַ דזשענטלמען, דאָס הײסט, איר קאָנט דאָס אָנרופֿן גראָב, זײער גראָב! איך האָב געכאַפּט דאָס היטל און האָב געגעבן אַ האַק מיט דער טיר און אַרויסגעלאָפֿן, ווי אַן אמתער משוגע־נער, און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז מײַן פֿוס זאָל איר שוועל ניט אַריבערטרעטן ווײַל איך וועל לעבן!... נו, ווי מײנט איר? איר זײַט דאָך עפּעס אַ שטיקל חקרן. וואָס זאָגט עפּעס דערויף אײַער פּסיכאָלאָגיע? וואָס האָב איך באַדאַרפֿט ווײַטער טאָן? לויפֿן טרינקען זיך? צי קויפֿן אַ רעוואָלווער? אָדער הענגען זיך ערגעץ אַף אַ באַרנבוים? אַז איך האָב זיך נישט געטרונקען, נישט געשאָסן און נישט געהאַנגען — דאָס זעט איר, ברוך השם, אַרויס אַלײן. און וואָס איז געווען ווײַטער — דאָס קאָן איך באַשטײן אָפּלײגן אַף אַן אַנדערש מאָל. דער גוטער יאָר וועט אײַך ניט נעמען, אַז איר וועט מיר אַביסל אָפּוואַרטן. מע דאַרף גײן צו מײַנע אַלמנות. זײ וואַרטן אַף מיר מיטן עסן.

ע ד כּ א ן אַ ל מ נ ה נ ו מ ע ר א י י נ ס.

ב.

## אַלמנה נומער צוויי

— פֿאַר וואָס איך האָב אײַך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן? — דער־פֿאַר, וואָס איך האָב געוואָלט. איך, אַז איך דערצײל עפּעס אַ זאַך, דער־צײל איך דעמאָלט, ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען א י ר ווילט... און אַז איר ווילט — דאָס זעט מען; אַף אַ געשיכטע, און אַ שײנע דערצו,

איז יעדער אַ בעלן. וואָרעם וואָס אַרט דאָס מיך, למשל, אַז איך זיץ מיר נאָכן עסן אַף מײַן שטול אין מײַן צימער מיט אַ ציגאַר אין מײַן מויל, און איר רײַסט זיך אײַן דאָס געזונט, דערציילנדיק? אַי, דעם דערציילער קאָסט עס אפֿשר בלוט — וואָס גייט עס אײַך אָן? אַבי מע דערציילט אײַך אַ שיינע מעשׂה! איך מיין נישט דווקא אײַך, שרעקט אײַך ניט! איר הערט נאָך מיט קאָפּ וואָס מע דערציילט אײַך. און כאָטש דאָס, וואָס איך דער־צייל אײַך איצט, איז אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך, וואָס קער זיך מיט מײַן פֿריערדיקער מעשׂה נישט אָן גאָרנישט, פֿונדעסטוועגן וואָלט איך וועלן איר זאָלט געדענקען, וואָס איך האָב אײַך דעמאָלט דערציילט, ווײַל אַ שטיקל שײַכות האָט דאָס דאָך, און נישט קיין שטיקל, נאָר אַ שטיק! און טאָמער האָט איר עפּעס פֿאַרגעסן, וועל איך אײַך דערמאָנען. איך וועל אײַך אין דרײַ ווערטער איבערחזרן די פֿריִערדיקע געשיכטע און וועל אײַך געבן אַ קיצור־המעשׂה אַף איין פֿוס:

איך האָב געהאַט אַ חבֿר פּיניע, האָט ער געהאַט אַ פֿרוי פּאַיע, האָבן זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. מײַן חבֿר איז געשטאָרבן, און פּאַיע איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. איך בין געווען באַ איר אַ בן־בית, אַ פֿרײַנט, אַ סעקרעטאַר און אַ ברודער, און בין געווען נאָך איר די כּפּרה. נאָר זאָגן איר האָב איך נישט געהאַט קיין מוט. און אַזוי זײַנען אַוועק אַלע בעסטע יאָרן. די טאָכטער איז אויסגעוואַקסן, די רויז האָט אויפֿ־געבליט, און איך האָב מיך פֿאַרלאָרן, אינגאַנצן פֿאַרלאָרן! האָט דער גוטער יאָר אָנגעטראָגן אַ בחורל, אַ בוכהאַלטער שאַפּיראָ, וואָס שפּילט ניט שלעכט אין שאָך, און די ראָזע האָט זיך אין אים פֿאַרקאָכט. האָב איך אויסגעלאָזט מײַן גאַנץ ביטער האַרץ צו דער מוטער, זיך צעקריגט, געגעבן אַ זעץ מיט דער טיר און געשוואָרן, אַז מײַן פֿוס זאָל דאָרט ניט זײַן ווײַל איך וועל לעבן! — נו, זײַט איר צופֿרידן?

אַצינד פֿאַרשטיי איך, אַז איר זײַט נײַגעריק צו וויסן נאָר איין זאַך: אויב איך האָב געהאַלטן וואָרט, אָדער ניט? נו, איר זײַט דאָך עפּעס, ווי אַזוי רופֿט איר דאָס, אַ פּסיכאָלאָג? אַדרבה, זאָגט איר, צי האָב איך באַדאַרפֿט האַלטן וואָרט, צי ניין? אַיאָ, איר שווײַגט? ווייסט איר, פֿאַר וואָס? ווײַל איר ווייסט נישט!... אָט וואָס ס'איז געווען:

די גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָט, ווי אַ גוטער משוגענער, אויסגעמאָסטן אַ מאָל דרײַ אַלע גאַסן אין דער לענג

און אין דער ברייט, געקומען אַהיים שוין מיטן טאָג גלײַך, איבערגעקוקט אַלע מײַנע פּאַפּירן, אַ סך צעריסן, איך האָב פֿײַנט אַלטע פּאַפּירן, אײַנ־געפּאַקט די זאַכן, אַוועקגעשריבן בריוו צו אַ פּאָר באַקאַנטע, קיין פֿרײַנט, קיין קרובֿים, ברוך השם, האָב איך ניט, עלנט ווי אַ בוים, איבערגעלאָזט אַ פֿאַראָרדענונג איבער מײַנע הײַזער און קלייטן, און איך האָב אָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אַף מײַן בעטל, דעם קאָפּ אין די הענט, און געטראַכט און געטראַכט, און געטראַכט און געטראַכט — ביז ס'איז געוואָרן טאָג. האָב איך מיך גאַנץ שיין אײַנגעוואַשן, אָנגעטאָן זיך, און בין אַוועק צו מײַן אַלמנה, אָנגעקלונגען אין דער טיר, אַרײַנגע־קומען, געהייסן געבן קאַפֿע, ביז מײַן אַלמנה וועט אויפֿשטיין. מײַן אַל־מנה איז אויפֿגעשטאַנען, מיך דערזען, איז זי אַ ווײַלע געבליבן שטיין, די אויגן זײַנען באַ איר געווען ווי אונטערגעשוואָלן, דאָס פּנים בלאַס. אַפּנים, זי איז אויך ניט געשלאָפֿן די נאַכט?... דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איר געזאָגט, איז געווען די דאָזיקע דרײַ געציילטע ווערטער:

— וואָס טוט ראָזע?

אין די ווערטער קומט אָן מסתּמא ראָזע אַליין. שיין ווי דער טאָג, ליכטיק ווי די זון און גוט ווי גאָט אַליין. דערזען מיך, איז זי געוואָרן אַביסל רויטלעך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט גע־טאָן מיטן הענטל איבערן קאָפּ, פּונעם שטערן אַרויף, ווי מע גלעט אַ קליין קינד, אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן און האָט זיך צעלאַכט. ווי אַזוי, מיינט איר, צעלאַכט? חלילה נישט אַף צו באַליידיקן אײַך, נאָר צו פֿאַרגיפֿטן אײַך אַזוי, אַז איר זאָלט אויך אָנהייבן לאַכן, און אַלע זאָלן לאַכן, און די ווענט זאָלן לאַכן! יאָ, מײַן ליבער פּריץ־לעבן, אָט אַזאַ מין כּח האָט זי אין זיך, אָט די ראָזע, נאָך עד היום! איך וועל פֿאַר איר געלעכטער נאָך איצט אַוועקגעבן אַלץ, וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מער נישט; זי איז נעבעך אַף צרות, אַז אָך און וויי איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! נאָר איך האָב פֿײַנט, אַז מע כאַפּט איינס פֿאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליב, אַז מע הייבט אָן אַ זאַך, זאָל מען גיין כּסדר. אַלזאָ, איך גיי כּסדר.

דעם טעם פֿון חתונה מאַכן אַ טאָכטער ווייסט איר? ניין? איר ווייסט נישט? זאָלט איר טאַקע נישט וויסן! איך האָב דעם טעם פֿאַרזוכט, און גוט פֿאַרזוכט, כאָטש אַפֿילו אַ פֿרעמדע טאָכטער, נאָר פֿאַרזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג־לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, איך בעט

אײַך, אַז מײַן אַלמנה, פֿאַיע הײסט עס, איז אַזאַ מענטש, װאָס איז געװױנט געװאָרן, מע זאָל איר אַרײַנטראָגן אין שטוב אַרײַן פֿונעם גרײטן? און װער איז שולדיק אין דעם, װען ניט איך אַלײן? איך אַלײן האָב זי אױסגעלערנט, סײַ די מאַמע, סײַ די טאָכטער, אַז טאָמער דאַרף מען עפּעס אין שטוב, זאָל געזאָגט װערן מיר — און עס זאָל זיך איבערקערן די װעלט, מוז דאָס צוגעשטעלט װערן, און נישט שפּעטער װי אין צװײ שעה! מע דאַרף געלט — איז צו מיר. דעם דאָקטער — צו מיר. אַ קעכן באַשטעלן — צו מיר. אַ לערער אַף טאַנצן — צו מיר. אַ מלבוש, אַ שוך, אַ שנײַדער, אַ קצבֿ, אַ פֿעדער, אַ הושענה, אַ קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איר מײנט, איך האָב זי ניט געזאָגט: „װאָס װעט פֿון אײַך װערן? אַ האַנטשירקע, אַ שמאַטע װעט פֿון אײַך װערן"! אַזױ טענה איך צו זי, און זי לאַכן. אַלצדינג איז באַ זי אַ געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבן איז אַ געלעכטער. פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן אַף דער װעלט. נישט קײן סך, נאָר ס'איז פֿאַראַן. און װעמען דאַרף עס טרעפֿן? — מיך! װער דאַרף זיך ניאַנטשען מיט פֿרעמדע קינדער? — איך! װער דאַרף אױסגעריסן װערן פֿאַר פֿרעמדע צרות? — איך! װער דאַרף טאַנצן אַף פֿרעמדע חתונות? — איך! װער דאַרף װײנען אַף פֿרעמדע קבֿרים? — איך! איר װעט פֿרעגן: װער הײסט מיר? װעל איך אײַך דערױף ענטפֿערן אָט װאָס: װער הײסט אײַך לױפֿן אין פֿײַער אַרײַן ראַטעװען אַ פֿרעמד קינד? װער הײסט אײַך שפּרינגען אין װאַסער אַרײַן, אַז יענער טרינקט זיך? װער הײסט אײַך קרימען זיך, אַז יענעם טוט װײ? איר װעט מיר זאָגן, אַז איר לױפֿט ניט און שפּרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זײַט איר אַ חיה! איך בין נישט קײן חיה; איך בין אַ מענטש. איך שטעל מיך ניט אַרױס פֿאַר אַן אידעאַליסט; איך בין אַ פּשוטער, אַ געװײנלעכער מענטש, און נאָך אַן אַלטער בחור דערצו, כאָטש אײַער פּסיכאָלאָגיע זאָגט, אַז אַן אַלטער בחור איז אַן עגאָיִסט. און אפֿשר איז דאָס גופֿא אױך אַ מין עגאָיִזם? װאָס? איר האָט פֿײַנט, זאָגט איר, חקירה? פֿילאָזאָפֿיע? איך האָב עס אױך פֿײַנט!

אַלזאָ, דאַרף מען חתונה מאַכן מײַן אַלמנהס טעכטערל, ראָזען, און מע דאַרף זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ מחותּן. איר האָט אַן אַנדער ברירה? און איר דאַרפֿט פֿאַרשטײן, לױט איר קענט מיך שױן אַביסל מיט מײַן קאַפּריז, װי איך האָב דאָס ליב! דאָס װאָרט „מחותּן" שלאָגט מיר צו דער גאַל! רופֿט מיך „מענטש", רופֿט מיך „לאָקײ", רופֿט מיך „משרת",

רופֿט מיך „קנאַקניסל" — אַבי ניט „מחותּן"! זי אָבער, מײַן אַלמנה הייסט עם, איז דווקא צופֿרידן פֿונעם נײַעם נאָמען, וואָס מע האָט זי געקרוינט: „מחותּנתטע". אַז מע זאָגט איר „מחותּנתטע", ווערט זי ברייטער ווי לענגער. „אָט באַלד ווערט איר אַ שוויגער!" — אַזוי זאָג איך צו איר. קוועלט זי, ווי אַ באָקסער: „הלוואַי, זאָגט זי, ווי דערלעב איך דאָס שוין!"... אַ שיינע שוויגער! איר זאָלט זי געווען זען צו דער חתונה, אונטער דער טאָכטערס חופּה: אַ בילד! אַ פּאַרשוין! אַ יוגנט! איר וואָלט אין לעבן נישט זאָגן, אַז ס'איז אַ טאָכטער מיט אַ מוטער, נאָר אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער! איך האָב מיך, הערט איר, פֿאַרקוקט אַף איר, שטייענדיק מיט די קינדער אונטער דער חופּה, און האָב צו מיר אַליין געזאָגט:

— שוטה וואָס דו ביסט! עלנטער שטיין וואָס דו ביסט! אַצינד איז פֿאַר דיר אַ מאָמענט... איין וואָרט ווען דו זאָגסט, איין קוק ווען דו טוסט, ווערסטו אויס עלנטער שטיין... בויסט דיר דײַן הויז... פֿלאַנצסט דיר דײַן ווײַנגאָרטן... טרעטסט אַרײַן אין דײַן גן־עדן... לעבסט דיר דײַן רויִקן לעבן, צווישן אייגענע, ליבע און געטרײַע... שלאָג דיר אַרויס פֿון קאָפּ ראָזען... ראָזע איז ניט פֿאַר דיך... ראָזע פּאַסט צו דיר, ווי אַ קינד... זײַ ניט גענאַרט... קוק אַף דער מוטער! זאָג איר דאָס וואָרט, דו ווילדע חיה וואָס דו ביסט!... איר זאָלסטו זאָגן, ניט קיינעם! וואָס ציסטו די נשמה? זעסטו דען ניט, ווי זי קוקט אַף דיר, מיט וועלכע אויגן?...

אָט אַזוי זאָג איך צו מיר אַליין און באַגעגן זיך מיט פּאַיעס אויגן, און עס רײַסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ — פֿאַר רחמנות צו איר... איר הערט? רחמנות! שוין נישט מער, ווי רחמנות... פֿריִער, געדענק איך, איז געווען אַן אַנדער געפֿיל באַ מיר... איצט איז פֿאַרבליבן בלויז רחמנות... און וויבאַלד רחמנות, איז אַף מיר אפֿשר אויך אַ רחמנות? און אפֿשר נאָך אַ גרעסערער? און ווער איז איר שולדיק? למאַי האָט זי געשוויגן ביז אַהער? וואָס שווײַגט זי איצט? ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז איך איר מעג זאָגן, און זי מיר ניט?... בושה, וועט איר זאָגן? מנהג העולם? די וועלט פֿירט זיך אַזוי? איך לאַך פֿון אײַער וועלט! באַ מיר איז ניטאָ קיין אונטערשייד: „ער" זאָל זאָגן פֿריִער, „זי" זאָל זאָגן פֿריִער. מענטשן זײַנען מענטשן! אַז זי שווײַגט, שווײַג איך אויך! איר ווילט דאָס אָנרופֿן עקשנות? אַמביציע? משוגעת? רופֿט דאָס וואָס איר ווילט! איך האָב דאָך אײַך געזאָגט שוין, אַז מיר איז דאָס אַלץ איינס...

נישט מער, איך רייד מיר אויס פֿאַר אײַך דאָס האַרץ און מיט אײַך צו־זאַמען וויל איך אַנאַליזירן, אויסגעפֿינען, ווּ איז דאָ דער וואָרעם? אפֿשר איז דאָס דערפֿאַר, וואָס מיר זײַנען מיט פּאַיען קיינמאָל נישט געווען פֿאַר זיך אַליין קיין צוויי מינוט? שטענדיק איז געווען אין מיטן אַ נפֿש, וואָס האָט פֿאַרנומען אינגאַנצן אונדזער צײַט, אונדזערע געדאַנקען, אונד־זערע געפֿילן, אונדזערע צרות און פֿאַרגעניגנס — אַלץ האָט געהערט צו יענעם, ניט צו אונדז. פֿאַר זיך אַליין אַ מינוט אַ פֿרײַע — דאָס, פֿע! דער רוח זאָל דאָס וויסן! מיר ביידע זײַנען ווי באַשאַפֿן געוואָרן ספּעציעל נאָר פֿון יענעמס וועגן! פֿריִער איז געווען פֿיניע. נאָכדעם האָט גע־האָלפֿן אַ ראָזעטשקע. איצט האָט אונדז דער אייבערשטער צוגעשיקט אַ נײַעם נחת: אַן איידעמל אַף קעסט! מאָלט אײַך, עס איז שוין געווען דאָס רעכטע איידעמל! אַזעלכע איידעמס מעגן זיך ווינטשן אַלע ייִדן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט פֿון די מענטשן, וואָס ווערן אַזוי גיך נתפעל און וואָס האָבן אַ טבֿע יענעם אָפּלויבן אין טאָג אַרײַן. איך וועל אײַך נישט דערציילן קיין פּוסטע דבורים, פּזמונות, איבערטריבענע קאָמ־פּלימענטן וכדומה, איך וועל אײַך נאָר זאָגן, אַז דאָס וואָרט „ענגל" איז אַ באַליידיקונג פֿאַר דעם דאָזיקן מענטשל. גענוג פֿאַר אײַך? אויב ס'איז דאָ אַ הימל, אויב מלאָכים שוועבן דאָרט אַרום, און אויב די מלאָכים זײַנען ניט ערגער פֿון אָט דעם שאַפּיראָ, זאָג איך אײַך, אַז ס'איז כּדאַי צו שטאַרבן און בעסער זײַן מיט זיי, אַלס מיט אַלע איבעריקע צוויי־פֿיסיקע חיות, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אונטער גאָטס הימל און פֿאַרפּאַסקודיען די ערד. איר וועט זאָגן, איך בין אַ מיזאַנטראָפּ, אַ מענטשנפֿײַנט? איר זאָלט האָבן פֿון מענטשן דאָס, וואָס מ י ר האָבן געהאַט, אײַך זאָלן מענטשן טאָן דאָס, וואָס מע האָט א ו נ ד ז געטאָן, וואָלט איר געווען ניט אַ מיזאַנטראָפּ, נאָר אַ גזלן. איר וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מעסער אין מיטן גאַס און איר וואָלט געקוילעט מענטשן, אַזוי ווי שאָף!... וואָס איז באַ אײַך פֿאַר אַ מאָדע לאָזן אַ מענטשן ריידן שטונדן־לאַנג און נישט פֿרעגן, צי וויל יענער אַ גלאָז וואַסער? הייסט געבן טיי!

אַלזאָ, ווּ האַלטן מיר? באַ אונדזער נחת, באַ אונדזער איידעמל שאַפּיראָ.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גאַנצער פֿירער פֿון אַ גוראַלניע, אַ בראָנפֿן־פֿאַבריק, און ניט נאָר דער גאַנצער פֿירער, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית איבערן גאַנצן געשעפֿט.

אַלץ אין געווען באַ אים אין די הענט, אַף זײַן נאָמען. דאָס צוטרויען, וואָס זיי האָבן געהאַט צו אים, איז אין לשער, און ליב געהאַט האָבן זיי אים, ווי אַ קינד. איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז אַף דער חתונה זײַנען זײַנע בעלי־בתים, צוויי שותּפֿים, גנבֿים (זיי זאָלן מיר מוחל זײַן, זיי זײַנען שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט אין אַמעריקע), געווען די מחותּנים, געשענקט דעם חתן אַ קאַסטן מיט זילבער און האָבן זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמתע פֿילאַנטראָפּן. און איך האָב טאַקע ליב אַ פֿילאַנ־טראָפּ, און נאָך אַ בעל־הבית אַ פֿילאַנטראָפּ, אַז ער קומט מיר אַף אַ שׂמחה און שטעלט זיך אַרויס מיט זײַן פֿילאַנטראָפּיע, אַז אַלע זאָלן זען און זאָלן וויסן, אַז ער איז אַ בעל־הבית אַ פֿילאַנטראָפּ, וואָס ווייסט, ווי צו שעצן אַ „מענטשן"!... אַי, דער „מענטש" האָט אים אפֿשר געמאַכט אַ פֿאַרמעגן? און ווען נישט דער „מענטש", וואָלט ער אפֿשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פֿילאַנטראָפּ?... אײַער שמייכלען, וואָס איר שמייכלט, איז אומזיסט! מײַן ליבער פֿריץ, איך שטעל מיך ניט אַרויס פֿאַר קיין סאָציאַליסט. נאָר אַ בעל־הבית אַ פֿילאַנטראָפּ האָב איך פֿײַנט! וואָס קומט מיר דערפֿאַר? והראיה? אָט וועט איר הערן, וואָס אַ בעל־הבית אַ פֿילאַנטראָפּ קאָן. דאַכט זיך מיר, אַז גאָט העלפֿט, מע האָט אַ געשעפֿט, וואָס טראָגט־אַרײַן שיינע עטלעכע טויזנטער אַ יאָר, און אַ מענטשן האָט מען אַזעלכן, וואָס מע קאָן זיך אַף אים פֿאַרלאָזן, קאָן מען שלאָפֿן רויִק אין דער היים, און אַפֿילו אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד און לעבן אַ גוטן טאָג? איז דאָך אָבער „אונדזערע ייִדעלעך". איך ווייס, אַז איר האָט פֿײַנט, נאָר איך זאָג נאָך אַ מאָל „אונדזערע ייִדעלעך". ס'איז זיי קאַרג די וועלט! אַ ייִד האָט ליב געשעפֿטן, פֿליִען, דרייען, קנאַקן, טראַסקן — מע זאָל זען! מע זאָל הערן! וואָס טויג אײַך, מײַן שאַפּיראָס בעלי־בתים האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַזאַ גאָלדן געשעפֿט אין אַזעלכע זיכערע הענט. זיי זײַנען אַרײַן אין וועלדער און אין פֿעלדער, אין „טאָרגעס" און אין טאַקסעס, אין ווייץ און אין קלײַען, און אין הײַזער האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט אַרײַנקריכן, ס'איז גע־וואָרן אַ היץ אַף הײַזער, הײַזער האָבן געברענט און זיי האָבן געברענט, ביז זיי זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן, אַרײַנגעשלעפּט אונדזער שאַפּיראָן מיט וועקסעלעך, פֿאַרכאַפּט וויפֿל ס'איז געווען מזומנים און אַוועק קיין אַמע־ריקע, און ס'איז אַ סבֿרה, אַז זיי זײַנען דאָרטן, ווי מע זאָגט אַף דעם

אַמעריקאַנער לשון, „אָלל־רײַט“, און אים, שאַפּיראָן הײסט עס, האָבן זײ געלאָזט זיצן ביזן האַלדז אין חובֿות, פֿאַרבאָדן און פֿאַרחתמעט מיט װעקסלען פֿון אױבן ביז אַראָפּ. ס׳איז געװען אַ גרױסער סקאַנדאַל, און ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז מע האָט גאָרנישט געװאָלט קוקן, צי איז ער אַ „מענטש“, צי איז ער אַ בעל־הבית — ער מוז צאָלן די װעקסלען, און אַזױ װי ער האָט ניט מיט װאָס, איז ער באַנקראָט, און אַזױ װי ער קאָן ניט באַװײַזן, אַז דער באַנקראָט האָט זיך צו זײ גענומען פֿון אַן אומגליק, װערט דאָס אָנגערופֿן באַ אונדז, װי איר װײסט, און אפֿשר װײסט איר ניט, „זלאָסטנע באַנקראָט“, דאָס הײסט: אַן אָנזעצער אַ פֿאַרך, און אַ פֿאַרך אַן אָנזעצער זעצט מען אײַן אין טורמע, װאָרעם אַ פֿאַרך האָט די װעלט פֿײַנט! איר קאָנט אײַך זײַן צען מאָל אַן אָנזעצער, צען מאָל אי־בערחזרן דעם פּסוק, און אַבי איר מאַכט דאָס אָפּ קײַלעכיק, מיטן „כּבֿקרת“, װי עס געהער צו זײַן, שטעלט איר אַרױס דער װעלט מחילה אַ פֿײַג, און קױפֿט אַ הױז מיט אַ „מפּטיר“, און איר װערט אַ שײנער מענטש, און איר טוט די גרעסטע שידוכים, און איר זאָגט עדות אין שטאָט, און איר טרעט אַף קעפּ, און איר שטופּט אײַך צו די גרױסע, צו די למדן־ואו גדולים, װאָס פֿירן די גאַנצע שטאָט באַ דער נאָז, און עס דאַכט זיך אײַך, אַז איר זײַט אַ גרױסער, און איר שפּריצט, און איר בלאָזט זיך, װי אַן אינדיק, און איר דערקענט ניט קײן מענטשן, און איר רעדט זיך אײַן, אַז דער רוח כאַפּט אײַך אָקערשט ניט אַװעק!... האָט קײן פֿאַראיבל ניט, איר פֿאַרשטײט דאָך, אַז ניט אײַך מײן איך, די װאַנט מײן איך... װאָס נוצט אײַך? מײַן בחור, מײַן שאַפּיראָ, האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם בזיון, און אַגבֿ האָט אים װײ געטאָן דאָס האַרץ אַף אָרעמע אַלמנות און יתומים (זײַנע בעלי־בתּים האָבן ניט געשאַנעװעט קײנעם, זײ האָבן גענומען װוּ זײ האָבן געקאָנט) — ער האָט זיך געסמט!...

איך דענק, אַז עס איז אײַך ניט װיכטיק, װי אַזױ און מיט װאָס ער האָט זיך געסמט, און װוּ האָט ער גענומען סם? און װאָס עפּעס סם? און װאָס האָט ער געשריבן פֿאַר אַ בריװ צו מיר? און װאָס האָט ער מיר געזאָגט? און װי אַזױ האָט ער זיך געזעגנט מיט ראָזען? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלץ איז ניט מער װי סענטימענטן, װאָס די ראָמאַניסטן באַנוצן זיך מיט זײ, אום אױסצוקװעטשן באַם נאַרישן

לעזער אַ טרער. איך וויל אײַך נאָר זאָגן אין דרײַ ווערטער: נישט זיך האָט דער מענטש געסמט — ער האָט גענומען און אַוועקגעסמט אונדז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס, דער שמערץ איז געווען אַזוי טיף, דער ווייטיק איז געווען אַזוי גרוילעך, אַז באַ אונדז אַלע דרײַ האָט זיך ניט געפֿונען קיין איינציקע טרער! מיר זײַנען פֿאַרגליווערט, פֿאַר־שטיינערט, פֿאַרשטאָרבן געוואָרן, געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, און וואָלטן געווען די גליקלעכסטע פֿון די גליקלעכסטע, ווען איינער קומט און האַקט אונדז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!... הערט איר, איר מעגט אײַך זאָגן וואָס אירווילט — אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די אַלע, וואָס קומען אײַך טרייסטן חלילה באַ אַן אומגליק. זייערע צוּגע־גרייטע כּלומרשט־טרויעריקע פּנימער, וואָס אַף יעדן שטייט אויפֿגע־שריבן: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ניט איך"... זייערע הילצערנע רייד, וואָס קלעפּן זיך ניט, זייערע פֿאַלשע שבֿחים, זייער אַוועקגיין אומגעזעגנט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז... וואָס דאַרפֿט איר מער? אַפֿילו אָט דער איובֿ, וואָס ס'איז אַ מנהג, אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין אים אַרײַנקוקן, ווי אַ האָן אין „בני אָדם", איז מיר נמאס! וואָס? אַפּיקורסות, זאָגט איר? דאָס הייסט באַ אײַך אַפּיקורסות? נו, און נעמען אונטערשטעלן אַ פּיסל אַן אומשולדיקן מענטשן, הייסן אים חתמענען ווערקסלען און אַליין אַוועק מיט געלט קיין אַמעריקע, און דעם „מענטשן" לאָזן, ער זאָל נע־מען און אַוועקסמען אי זיך אַליין, אי נאָך דרײַ אומשולדיקע נפֿשות — דאָס וועט באַ אײַך הייסן ווי אַזוי? וואָס פֿאַר אַ נאָמען וועט איר דעם געבן? נישט אַפּיקורסות? אַיאָ, ניין? און פֿון גאָט אַליין וועט איר זאָגן, אַז ס'איז ניט קיין אומרעכט? וואָרעם ווי טאָר מען ריידן אַף גאָט? טוט אַלע זשע אַ קוק וואָס זאָגט דערויף איובֿ? אָט דער זעלבער הייליקער איובֿ, וואָס ס'איז אַ מנהג, איר זאָלט אין אים אַרײַנקוקן, ווי אַ האָן אין „בני אָדם"? אַיאָ, איר שווײַגט? איך שווײַג אויך, וואָרעם איר קאָנט ריידן צעזעצטערהייט, וועט אײַך קיינער ניט ענטפֿערן! איר וועט איבער־קײַען נאָך אַמאָל די שוין לאַנג איבערגעקײַטע ווערטער: „ה' נתן וה' לקח" — און דערבײַ וועט איר בלײַבן... וואָס זאָגט איר? פֿילאָזאָפֿירן הייסט קײַען שטרוי? איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

אַלזאָ, איך קער מיך אום צוריק צו מײַן אַלמנה... וואָס זאָג איך אַלמנה? צו מײַנע צוויי אַלמנות! ראָזע אויך אַן אַלמנה! כאַ־כאַ־כאַ! עס איז אַזוי טרויעריק, עס איז אַזאַ באַליידיקונג פֿון דער נאַטור, אַז נאָר

לאַכן דאַרף מען. ראָזע אַן אַלמנה! איר זאָלט זי געווען זען: אַ קינד פֿון פֿופֿצן יאָר קאָן ניט אויסזען ייִנגער. ראָזע אַן אַלמנה! אַן אַלמנה אַליין איז נאָך גאָרניט! ראָזע — אַ מאַמע! אַ מוטער פֿון אַ קינד! אין אַ חדשים דרײַ נאָך שאַפּיראָס טויט האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פֿון אַ באַשעפֿע־ניש, און די שטוב איז געוואָרן פֿול מיט דעם באַשעפֿענישל. פֿייגעלע האָבן זיי דעם אַ נאָמען געגעבן — און אין שטוב האָט געוועלטיקט נאָר איין פֿייגעלע, און אַלץ איז געווען נאָר צוליב דער איינער פֿייגעלע, און ווו איר זײַט געשטאַנען, און ווו איר זײַט געזעסן, און וואָס איר האָט ניט געטאָן, האָט איר געקאָנט הערן נאָר פֿייגעלע און פֿייגעלע און ווידער פֿייגעלע! אויב מע זאָל וועלן זײַן אַ מאַמין און גלייבן אין „השגחה פּרטית”, ווי איר רופֿט דאָס אָן, וואָלט איך געזאָגט אַף דער פֿייגעלע, אַז דאָס האָט גאָט באַלוינט אונדז פֿאַר אונדזערע גרויסע לײַדן און האָט אונדז געשיקט אַ טרייסט. איר ווייסט אָבער, אַז איך בין אַ קנאַפּער מאַ־מין און איך בין שטאַרק מסופּק אין אײַך אויך... וואָס? איר ווילט מיר אײַנריידן, אַז איר גלייבט יאָ? — געזונטערהייט! איך האָב צו אײַך גאָרניט ניט; אַבי איר אַליין זאָלט זײַן איבערצײַגט, אַז איר זײַט ניט קיין צבֿועק, קיין היפּאָקריט. הערט איר, ייִדן, האָב איך פֿײַנט היפּאָק־ריטן, טאַקע נאָר ווי אַ ייִד האָט פֿײַנט חזיר! זײַט אײַך פֿרום, ווי צען טויזנט רוחות, אַבי מיט אַן אמת! טאָמער־זשע זײַט איר גלאַט אַ גנב, אַ פֿאַרמאַסקירטער „וצדקתך”, זײַט איר ניט פֿון מײַנע לײַט, און איך דאַרף אײַך אַף תשעה־נײַנציק כּפּרות. אָט אַזאַ מענטשל בין איך מיר!

הכּלל, וואָסער אַ סדרה גייט הײַנט? — פֿייגעלע! פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס די פֿייגעלע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט, האָט אַלץ ווי אויפֿגעלעבט, אַלע און אַלץ האָבן געשמייכלט און געפֿרייט זיך. אַלע פּני־מער האָבן געשײַנט. אַלעמענס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו לײַכטן און גלאַנצן. אינאיינעם מיט דעם קינד זײַנען מיר אַלע אַפּסנײַ געבוירן גע־וואָרן. איך וועל אײַך זאָגן אַ שיינס: ראָזע, וואָס סע האָט זיך נישט באַ־וויזן אַף איר פּנים קיין שמייכל שוין אַזאַ צײַט, האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווידער צו לאַכן מיט איר פֿריִערדיקן מאָדנע געלעכטער, וואָס פֿאַרגיפֿ־טעט אײַך און צווינגט אײַך, אַז איר זאָלט אויך לאַכן, כאָטש עס ווילט זיך אײַך גאָר ווײנען. אָט אַזאַ מין כּח האָט באַוויזן די קליינע פֿייגעלע, אַז זי האָט אויפֿגעעפֿנט אירע קליינע אויגעלעך און האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פֿונק פֿון פֿאַרשטאַנד באַטראַכטן אונדז אַלע דרײַ.

און ווער שמועסט, אַז אַף פֿייגעלעס ליפּעלעך האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע שמייכעלע, זײַנען ביידע אַלמנות שיִער נישט משוגע געוואָרן פֿאַר ענטוזיאַזם און התפּעלות. זיי האָבן מיך באַגעגנט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איך האָב מיך פֿאַר זיי דערשראָקן:

— גוואַלד, וווּ זײַט איר געווען פֿריִער מיט איין מינוט?

אַזוי זײַנען אָנגעפֿאַלן אַף מיר ביידע אַלמנות.

— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפֿן? — פֿרעג איך אַ דער־שראָקענער און באַקום פֿון זיי אַן ענטפֿער:

— סטײַטש, פֿייגעלע האָט אָט־ערשט מיט אָנדערהאַלבן מינוט פֿריִער אַ לאַך געטאָן! דעם ערשטן לאַך!

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט, און אינעווייניק דאָס האַרץ פֿרייט זיך, געוויינלעך, ניט אַזוי אַף דעם, וואָס פֿייגעלע האָט אַ לאַך געטאָן, ווי אַף דעם, וואָס מײַנע צוויי אַלמנות זײַנען אַזוי ששון־ושמחהדיק. נו, הײַנט קאָנט איר שוין פֿאַרשטיין, וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן באַם ערשטן ציינדל! די ערשטע האָט דערפֿילט, נאַטירלעך, די ייִנגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צוגערופֿן די עלטערע אַלמנה, פֿאַיען הייסט עס, און ביידע אַלמנות האָבן גענומען פּרובירן מיט אַ גלאָז, און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז עס קלינגט אַ ציינדל, האָבן זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אַרײַן פֿון צווייטן צימער ניט טויט, ניט לעבעדיק.

— וואָס איז דאָ?

— אַ ציינדל!

— עס ווײַזט זיך אײַך אויס! — זאָג איך צו זיי בכיון, עס זאָל זיי אַביסל רייצן. און ביידע אַלמנות נעמען מײַן פֿינגער און טאַפּן־אָן באַ פֿייגעלען אין הייסן מײַלכל עפּעס אַ שאַרף שפּיציקל, וואָס קאָן זײַן, ס'איז אַ ציינדל.

— נו? — פֿרעגן זיי מיך ביידע און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָפּ־געבן אַ גרוס פֿונעם ציינדל. איך מאַך זיך תּמעוואַטע. איך האָב ליב זיי צו רייצן. פֿרעג איך זיי איבער:

— וואָס נו?

— אָבער אַיאָ, אַ ציינדל?

— אַ ציינדל, וואָס דען זאָל דאָס זײַן?

און דאָס פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז וויבאַלד אַ ציינדל, איז דאָך פֿיי־געלע אַ חכמה, וואָס מע קריגט ניט די צווייטע אין דער גאַנצע וועלט!

און וויבאַלד אַז פֿייגעלע איז אַזאַ חכמה, קומט דאָך איר, מע זאָל זי אַזוי לאַנג קושן, ביז דאָס קינד הייבט אָן צו וויינען, און איך רײַס עס אַרויס באַ זיי פֿון די הענט און שטיל דאָס אײַן, וואָרעם באַ קיינעם שווײַגט נישט אַזוי דאָס קינד, ווי באַ מיר, און מע קאָן זאָגן, אַז קיינעמס האָר האָט פֿייגעלע ניט אַזוי ליב, ווי מײַנע האָר, און קיינעמס נאָז ווערט ניט אַזוי גריסן פֿון אירע ברעקלעך פֿינגערלעך, ווי מײַן נאָז, און פֿילן אַף זיך די דאָזיקע ברעקלעך פֿינגערלעך איז אַ גן־עדן! עס גלוסט זיך אויסקושן טויזנט מאָל איטלעכס גליד פֿון די דאָזיקע קליינטשינקע, גלאַטינקע, ווײַסינקע און ווייכינקע פֿינגערלעך! איר קוקט אַף מיר און איר טראַכט זיך: „אָט דער מענטש האָט אַ ווײַבערשע נשמה; אַניט — וואָלט ער אַזוי ניט ליב געהאַט קיין קינדער”... אָבער אַיאָ, איך האָב געטראָפֿן, וואָס איר טראַכט? ס׳איז אַזוי די מעשׂה: וואָס פֿאַר אַ נשמה איך האָב — ווייס איך ניט, נאָר אַז איך האָב ליב קינדער — דאָס איז אַ פֿאַקט! ווען דען זאָל מען ליב האָבן, אַז נישט קיין קליינע קינדער? אײַערע גרויסע, ווילט איר, זאָל איך ליב האָבן? אָט די גלאַטע מאָרדעס מיט די געפּאַקטע בײַכלעך, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז אַ געשמאַקער מיטאָג מיט אַ גוטן ציגאַר מיט אַ פּרעפֿעראַנסל? צי אָט יענע שיינע מענטשן, ווילט איר, זאָל איך ליב האָבן, די וואָס קהלן זיך און לעבן פֿון דער קהלשער שיסל און שרײַען און ליאַרעמען און פּויקן איבער דער גאַנצער וועלט, אַז זייער גאַנצער מיין איז טובֿת הכּלל?... אָדער איר זײַט אַ בעלן, איך זאָל ליב האָבן אָט די יונגע צוציקעס, וואָס ווילן מתקן זײַן די וועלט, רופֿן מיך „בורזשוק” און ווילן מיך צווינגען, איך זאָל פֿאַרקויפֿן מײַנע הײַזער און צעטיילן זיך מיט זיי לשם עקספּראָפּריאַציע? אָדער איר וועט מיר אפֿשר הייסן, איך זאָל ליב האָבן די גראָבע ווײַבער, די פּרות־הבשן, וואָס זייער איינציקער אידעאַל איז פֿרעסן, קליידער, בריליאַנטן, טעאַטער און געפֿעלן פֿרעמדע מאַנצבילן? צי גאָר די אונטערגעשאָרענע אַלטע מוידן, וואָס אַמאָל, אין מײַנע יונגע יאָרן, האָבן זיי געהייסן „ניהיליסטקעס”, הײַנט הייסן זיי „עס־עסאָווקעס”, „עס־עראָווקעס”, „קאַדעטניצעס” וכדומה אַזעלכע שיינע נעמען?... איר זאָגט, ווײַל איך בין אַן אַלטער בחור, בין איך אַ בעל־כּעסן און אַ מיזאַנטראָפּ און מיר געפֿעלט ניט קיינער? זאָגט אײַך — וואָס אַרט מיך, וואָס איר זאָגט? איך טו מיר מײַנס: איך דערצייל. ווו זשע האַלט איך? באַם קינד, באַ פֿייגעלען, ווי מיר האָבן דאָס ליב געהאַט. דאָס גאַנצע לעבן האָבן מיך אַוועקגע־

שענקט דעם קינד, מיר אַלע דרײַ, דערפֿאַר, ווײַל דאָס קינד האָט אונדז פֿאַרזיסט די ביטערקייט פֿונעם לעבן, צוגעגעבן אונדז אַלעמען פֿרישע ענערגיע צו טראָגן דעם שווערן יאָך פֿון דער נאַרישער פֿאַרדאָרבענער וועלט. און פֿאַר מיר עקסטרע איז אין דעם קינד געווען אַ גאַנצער סוד. איר וועט דעם סוד לײַכט פֿאַרשטיין, אויב איר וועט זיך דערמאָנען, וואָס איז געווען פֿאַר מיר ראָזע. וואָס מער דאָס קינד האָט געוואַקסן, אַלץ מער האָט געבליט די האָפֿענונג באַ מיר אין האַרצן, אַז מײַן עלנט זאָל ענדלעך פֿאַרשווינדן און איך זאָל אַמאָל אויך וויסן פֿון אַ לעבן אַף דער וועלט... און ניט נאָר איך אַליין האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מחשבֿה — די זעלבע האָפֿענונג האָט געלעבט אויך באַ פֿאַיען אין האַרצן, און כאָטש מיר האָבן דערפֿון ניט גערעדט קיינמאָל, נאָר פֿאַר אונדז אַלע דרײַ איז דאָס געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז עס וועט מוזן אַמאָל אַזוי זײַן... איר וועט אפֿשר פֿרעגן: ווי אַזוי קאָנען זיך דאָס מענטשן פֿאַרשטיין אומגערעדט? איז אַ סימן, אַז איר קענט פּסיכאָלאָגיע, נאָר ניט קיין מענטשן... למשל, אָט וועל איך אײַך מאָלן אַ בילד, וועט איר זען, ווי אַזוי מענטשן שמועסן זיך אויס כּמעט אָן ווערטער, פֿאַרשטייען זיך אַפֿן ווונק. אָט האָט איר אײַך אַ בילד:

אַ זומער־נאַכט. דער הימל איז פֿאַרשמיסן מיט ווײַסע מילך־פּאַסן. איך האָב געוואָלט זאָגן: די שטערן בלישטשען, פֿינקלען, שעמערירן. האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אַזוי שטייט ערגעץ געשריבן אין אַ ביכל, וויל איך ניט איבערקײַען יענעמס ווערטער. איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז איך האָב פֿײַנט זייערע באַשרײַבענישן פֿון דער נאַטור, וואָס זײַנען אַזוי ענלעך אַף דער נאַטור, ווי איך בין ענלעך אַף אַ טערקישן פּאַשאַ. הכּלל, ס'איז געווען אַ זומער־נאַכט, איינע פֿון די זעלטענע וואַרעמע, לויטערע, פּרעכטיקע נעכט, וואָס דער טריקנסטער מענטש אין דער וועלט ווערט פֿול מיט פּאָעזיע און עס בענקט זיך אים ערגעץ אַהין, ווײַט, ער ווייס אַליין ניט וווּהין. עס כאַפּט אים אַרום פֿון אַלע זײַטן אַ מאָדנער שטראָם פֿון רוח־הקודש, און ער זינקט אין אַ הייליקע שטילע רויִקייט, און ער פֿאַרקוקט זיך אין דעה טיפֿער בלויער יאַרמעלקע, וואָס מיר רופֿן דאָס הימל, און ער פֿילט, אַז דער הימל סודעט זיך עפּעס מיט דער ערד, פֿירן אַ שטילן שמועס צווישן זיך, אַ שמועס פֿון אייביקייט, פֿון אומענדלעכקייט און פֿון דעם, וואָס מענטשן רופֿן גאָטהײַט...

נו? וואָס וועט איר זאָגן אַף מײַן באַשרײַבן די נאַטור? ניט גע־

פֿעלן? בין איך אויסגעשטעלט! האָט צײַט, איר זײַט נאָך נישט פֿאַרטיק. איך האָב אײַך פֿאַרגעסן דערציילן פֿון די זשוקעס — מאָדנע, שווערע, ברוין־פֿאַרביקע זשוקעס, וואָס טראָגן זיך אין דער פֿינצטער, צעלאָזט די פֿליגל, זשומען און הודען און טוען זיך אַלע מאָל אַ זעץ אָן וואַנט אָדער אָן פֿענצטער, און טוען אַ פֿאַל אַנידער אַף דער ערד מיט האַלב־צעלאָזטע פֿאָלעס און ווערן אַנשוויגן. איר זאָלט גאָר נישט האָבן קיין יסורים — זיי וועלן אַביסל אַרומפּויזן אַף דער ערד, זיך אויפֿהייבן, צעלאָזן די פֿאָלעס און וועלן זיך ווידער דרייען אַרום דער שײַן פֿון דעם ליכט מיט אַ זשומען און מיט אַ הודען, און ווידער געבן זיך אַ זעץ אין פֿענצטער אַרײַן און אַ פֿאַל אַנידער אַף דער ערד... מיר זיצן אַפֿן גאַניק, וואָס גייט אין גאָרטן אַרײַן, אַלע פֿיר: איך און פּאַיע, און ראָזע, און פֿייגעלע. פֿייגעלע איז שוין אַ גרויסע; פֿיר יאָר ווערט איר ראָש־חודש אלול, און ריידן רעדט זי ווי אַן אַלטער. זי רעדט און פֿרעגט קשיות. טויזנטער קשיות! פֿאַר וואָס איז הימל — הימל, און ערד — ערד? ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? פֿאַר וואָס איז באַנאַכט נאַכט און באַטאָג טאָג? פֿאַר וואָס רופֿט די מאַמע די באָבעניו „מאַמע”, און די באָבעניו רופֿט די מאַמע ניט „מאַמע”, נאָר „ראָזע”? פֿאַר וואָס בין איך איר אַ דיאַדיאַ — אַ דיאַדיאַ און ניט קיין פּאַפּאַ?... פֿאַר וואָס קוקט דער דיאַדיאַ אַף דער באָבעניו, און די באָבעניו קוקט אַף דער מאַמע, און פֿאַר וואָס איז די מאַמע אַזוי רויט געוואָרן?... איר פֿאַרשטייט דאָך שוין, אַז דאָס רופֿט אַרויס באַ אונדז אַלע דרײַ אַ געלעכטער. פֿרעגט פֿייגעלע, וואָס לאַכט מען, ווערט דער געלעכטער נאָך גרעסער, און ענדיקן ענדיקט ער זיך מיט דעם, וואָס מיר קוקן זיך איבער אַלע דרײַ, און אַלע דרײַ פֿאַרשטייען מיר זיך גאַנץ גוט, וואָס דער קוק באַטײַט. מע דאַרף שוין נישט קיין ווערטער. ווערטער זײַנען איבעריק. ווערטער זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן נאָר פֿאַר פּלאַפּלערס, ווײַבער און אַדוואָקאַטן. אָדער, ווי ביסמאַרק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: ווערטער זײַנען אונדז געגעבן געוואָרן אום צו פֿאַרמאַסקירן אונדזערע געדאַנקען. אָט באַגייען זיך דאָך חיות און עופֿות און אַלע איבעריקע באַשעפֿענישן אָן ווערטער! אָט וואַקסט דער בוים, אָט בליט די בלום, אָט שפּראָצט אַ גרעזל, האַלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיטן שטראַל פֿון דער זון — ווּ איז זייער שפּראַך? אויגן, מײַן ליבער פֿריץ, אויגן באַ מענטשן זײַנען אַ גרויסע זאַך! וואָס אַ מענטשנס אויגן קאָנען אײַך אַמאָל זאָגן אין איין מינוט, וועט אײַך דאָס מויל נישט אויסריידן אין קיין טאָג!

אונדזער איבערקוקן זיך אין יענער נאַכט מיט מײַנע צוויי אַלמנות איז
געווען אַ בלעטל, אַ קאַפּיטל פֿון אונדזער אַלעמענס לעבנס־געשיכטע,
אַ גאַנצע פּאָעמע, אויב איר ווילט, אַ ליד, אַ טרויעריק ליד פֿון דרײַ פֿאַר־
לאָרענע לעבנס, פֿון דרײַ פֿאַרקריפּלטע נשמות, וואָס פֿאַרשיידענע פֿאַר־
פּלאָנטעענישן האָבן ניט דערלאָזט, זיי זאָלן טרינקען פֿון דעם קוואַל, וואָס
הייסט גליק, זיי זאָלן געניסן פֿון דעם פֿאָנטאַן, וואָס הייסט ליבע... איך
האָב מיך אַרויסגעכאַפּט פֿאַר אײַך מיט דעם וואָרט „ליבע”  אומגערן.
גלייבט מיר, אַז עס עקלט מיך! ווייסט איר, פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, ווײַל אײַ־
ערע שרײַבערס באַנוצן שוין צו אָפֿט דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט און
מאַכן פֿון דעם שוין צו אַ וואָכעדיקן מאכל. דאָס וואָרט „ליבע”, אַז מע
רעדט דאָס אַרויס אַף דער שפּראַך פֿון אײַערע שרײַבערס, איז אַ חלול־
השם. דאָס וואָרט „ליבע” דאַרף אַרויסגעגאָסן ווערן, ווי עס גיסט זיך
אויס אַ תּפֿלה צו נאָט, אָדער עס דאַרף זיך אויסגיסן אין אַ ליד אָן ווער־
טער, אין אַ געזאַנג פֿון עכטער פּאָעזיע, עס מעג זיך זײַן אָן ריימען: לויפֿן,
קויפֿן, כאַפּן־טאַפּן, יאָגן־שלאָגן, גראָזן־בלאָזן, וכדומה אַזעלכע גראַמען
פֿון אײַערע פּאָעטן, וואָס אַז איך לייען זיי אַמאָל, מאָלט זיך מיר אויס,
אַז איך שלינג אַרבעס און פֿאַרבײַס מיט פּאַפּיר... דער משל מעג אײַך
ניט געפֿעלן, נאָר דרייען מיט דער נאָז באַדאַרפֿט איר ניט. איך ענדיק
אײַך שוין די געשיכטע מיט מײַן אַלמנה נומער צוויי און איך מאַך דאָס
בקיצור, וואָרעם איך האָב פֿײַנט, אַז מע גענעצט... זאָגט נאָר, איר האָט
אַמאָל פֿאַרזוכט דעם טעם, עס זאָל אײַך רײַסן אַ צאָן, וואָס איר מוזט
אים אַרויסציִען, נאָר איר לייגט דאָס אָפּ אַף מאָרגן, פֿון מאָרגן אַף
איבערמאָרגן, ביז איר נעמט אײַך אָן מיט האַרץ און גייט צום  דאָק־
טער; איר קומט־צו צו דער טיר, איר לייענט איבער אַף זײַן בלעטל:
„דענטיסט אַזעלכער און אַזעלכער, נעמט־צו פֿון 8 ביז 1 און פֿון 1 ביז
8”... כאַפּט איר אַ קוק אַפֿן זייגער און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— פֿון 8 ביז 1 און פֿון 1 ביז 8? הײַנט וואָס האָב איך קיין צײַט
נישט?...

און איר קערט זיך אום צוריק  אַהיים און איר רײַסט זיך אַף די
ציין... אָט דאָס אייגענע איז געווען מיט מיר און מיט ראָזען. אַרויסגעגאַנ־
גען בין איך פֿון דער היים אַלע אינדערפֿרי מיט אַ באַשטימטן גערדאַנק, אַז
הײַנט מוז דאָס געשען גאָר אָן אַ שום תּירוץ! פֿריִער וועל איך איבער־
ריידן מיט מײַן אַלמנה נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אַזוי און

אַזוי... וועט זי ווערן רויטלעך, אַראָפּלאָזן די אויגן און אַ זאָג טאָן: „באַ מיר האָט איר געפּועלט, רעדט איבער מיט ראָזען”... וועל איך אַוועקגיין פֿון דער אַלמנה נומער איינס צו דער אַלמנה נומער צוויי און וועל איר זאָגן: „הער נאָר אויס, ראָזע, ס'איז אַזוי און אַזוי...” און איך כאַפּ דאָס היטל און קום צו גיין צו מײַנע צוויי אַלמנות, לויפֿט מיר אַקעגן פֿייגעלע, וואַרפֿט זיך מיר אַף די הענט, כאַפּט מיך אַרום באַם האַלדז, קושט מיך אין די ברילן און בעט זיך באַ מיר, אַז „הײַנטיקן טאָג, נאָר הײַנטיקן טאָג, זאָל איך זאָגן דער מאַמעניו און דער באָבעניו, מיך וועט מען פֿאָלגן, זי זאָל זײַן פֿרײַ, ניט לערנען, ניט שפּילן, ניט טאַנצן, נאָר גיין מיטן דיאַדיאַ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, מע האָט געבראַכט, זאָגט מען, צו פֿירן אַזעלכע מאַלפּעס, אַזעלכע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פֿאַר געלעכטער!”... נו, אַדרבה, זײַט אַ בריה און נעמט ניט דאָס קינד, און גייט ניט מיט דעם אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אָנקוקן די נײַע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פֿאַר געלעכטער?...

— וואָס וועט זײַן פֿונעם קינד? — וואָרטשעט די אַלמנה נומער איינס.

— ער מאַכט אַ תּל פֿונעם קינד! — האַלט זי אונטער די אַלמנה נומער צוויי. און דער דיאַדיאַ הערט זיי, די ביידע אַלמנות, ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי, נעמט דאָס קינד און גייט מיט דעם אין גאָרטן זיך באַקענען מיט די נײַע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פֿאַר געלעכטער — און אָט אַזוי, ווי איך דערצייל אײַך, אַלע מאָל אַ נײַער תּירוץ. עס גייט אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ יאָר און אַ יאָר, דאָס קינד וואַקסט, הייבט אָן פֿאַרשטיין אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קאָן פֿון זיי ניט ריידן, און עס בלײַבט באַ אונדז אַלע דרײַ דער הסכּם, אַלץ אָן ווערטער, אַז לאָז דאָס קינד אונטערוואַקסן שוין. אַז פֿייגעלע זאָל אויסוואַקסן, ווערן אַ מענטש און אויסקלײַבן זיך איר באַשערטן, דעמאָלט ווערן אונדז אויפֿגעבונדן די הענט, דעמאָלט רעפֿאָרמירן מיר אונדזער לעבן, פֿירן־אויף אַ נײַע שטוב. און מע בויט פּלאַנען, יעדער באַ זיך אין האַרצן, ווי אַזוי מע וועט לעבן אַלע צוזאַמען: דאָס יונגע פּאָר — פֿייגעלע מיט איר באַשערטן, דאָס אַלטע פּאָר — איך מיט ראָזען, און די אַלמנה די באָבע (פֿאַיע) וועט געוועלטיקן איבער אונדז אַלעמען — דאָס וועט זײַן אַ לעבן! די גאַנצע זאַך איז נאָר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אַז פֿייגעלע זאָל אויסוואַקסן, ווערן אַ מענטש און

אויסקלײַבן זיך איר באַשערטן? נאָר אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט? איך האָב פֿײַנט שאַבלאָנע שפּריכווערטער. איר האָט זײ ליב? זייער שיין. איך פֿאַרגין אײַך. אַלזאָ, אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך! פֿייגעלע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ מענטש און האָט אויסגעקליבן זיך איר באַשערטן — און אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! אָט דאָ ערשט הייבט זיך אָן די רעכטע פּסיכאָלאָ־גיע, ווי איר רופֿט דאָס אָן! איר ווייסט? דאָס, וואָס איר קוקט אַפֿן זייגער, איז איבעריק. איך וועל אײַך סײַ ווי סײַ הײַנט מער נישט דערציילן.
איך דאַרף גיין; מײַנע אַלמנות וועלן נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן.
איך קאָן באַשטיין, אַז אויב איר האָט חשק אויסצוהערן די געשיכטע פֿון מײַן „אַלמנה נומער דרײַ״, זאָלט איר זיך מטריח זײַן צו מיר אַהיים.
אַניט — ווי איר ווילט אײַך! פֿאַר די פּאָלעס וועל איך אײַך ניט שלעפּן.
איר וועט אַליין קומען... אַדיע!

ע ד כ א ן אַ ל מ נ ה נ ו מ ע ר צ ו ו ײ.

ג.

## אַלמנה נומער דרײַ

— גוט, וואָס איר זײַט געקומען צו מיר אין אַזאַ שעה, וואָס איך בין גראָד אין דער היים. דאָס הייסט, אין דער היים בין איך שטענדיק, נאָר פֿאַר מיר, ניט פֿאַר יענעם. יעדער מענטש האָט זיך זײַנע געוווינ־הייטן. למשל, איך בין געוווינט, אַז איך עס, זאָל מיר זיצן אַקעגן די קאַץ. אָן דער קאַץ וועל איך נישט עסן. קיץ־קיץ־קיץ־קיץ! וואָס זאָגט איר אַף דער קאַץ? קלוג — אַ חכמה! זי וועט אײַך אַליין ניט נעמען — עס מעג ליגן געלד! איר זײַט אַ מבֿין אַף איר פֿעל? וואָס? איר האָט פֿײַנט אַ קאַץ? אַן אײַנבילדונג פֿונעם חדר! מע ווייס די מעשׂיות! איר דאַרפֿט זיך ניט פֿאַרענטפֿערן! ווי אַזוי טרינקט איר טײ? מיט מילך? צי אַזוי? איך טרינק מיט מילך... אַ קאָטאַ! טפּרוס! אין דער ערד אַרײַן!... קיין זאַך האָט זי אַזוי ניט ליב, ווי מילך. פּוטער וועט שטיין, וועט זי ניט טשעפּען, און דערזעט זי מילך, מוז זי טאָן אַ לעק...
איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט ניט פֿון הקדמות, נאָר דאָ מוז איך

אײַך זאָגן אַ הקדמה: איך האָב פֿײַנט, אַז מע שמייכלט. לאַכן קאָנט איר וויפֿל איר ווילט, נאָר ניט שמייכלען. געדענקט איר־זשע אַלצדינג, וואָס איך האָב אײַך דערציילט? טאָמער האָט איר פֿאַרגעסן — זאָגט, שעמט זיך ניט; גרעסערע פֿון אונדז, מאַכט זיך, פֿאַרגעסן אויך אַמאָל. איך וועל אײַך מוזן, האָב איך מורא, איבערחזרן אין קורצן נאָכאַמאָל און געבן אײַך אַן אויסצוג, אַ קיצור המעשׂה:

איך האָב געהאַט אַ חבֿר פּיניע האָט ער געהאַט אַ פֿרוי פּאַיע, האָבן זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. איז מײַן חבֿר פּיניע געשטאָרבן, און פּאַיע איז געבליבן אַן אַלמנה. און איך בין באַ איר געווען אַ בן־בית. און זי איז מיר געווען צום האַרצן, און איך איר אויך. נאָר ריידן האָבן מיר דערפֿון ניט גערעדט. געהאַלטן אין זיך. און אַזוי זײַנען אַוועק די בעסטע יאָרן. דערווײַל איז איר טעכטערל, ראָזע, אויסגעוואַקסן, און איך בין געווען נאָך איר די כּפּרה. האָט זיך אונטערגעכאַפּט אַ בחורל שאַפּיראָ, אַ גוטער בוכהאַלטער און אַ שיינער שאָכשפּילער, און די ראָזע האָט זיך אין אים פֿאַרברענט. האָב איך זיך צעקריגט מיט דער מוטער און בין אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז ווײַל איך וועל לעבן זאָל מײַן פֿוס דאָרט ניט זײַן!

און איך האָב דאָס וואָרט נ י ש ט אויסגעהאַלטן און בין באַלד אַפֿן צווייטן טאָג געקומען און בין געוואָרן דער זעלבער היימישער, וואָס פֿריִער, און האָב מיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מחותּן און האָב געפּראַוועט אַ חתונה צווישן דער ראָזע מיט דעם שאַפּיראָ, וואָס איז געווען דער גאַנ־צער בעל־הבית איבער זײַנע פּרינציפּאַלנס געשעפֿטן, געחתמעט פֿאַר זיי וועקסלען, און זיי האָבן זיך פֿאַרדרייט און זײַנען אַוועק קיין אַמעריקע און אים האָבן זיי געלאָזט מיט די חובֿות. האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן — און ראָזע איז געבליבן אַן אַלמנה. האָט איר, אַלזאָ, צוויי אַל־מנות. און פּונקט אַזוי ווי איר מוטער פּאַיע, די אַלמנה נומער איינס, איז געבליבן נאָך מײַן חבֿר פּיניעס טויט מיט אַ קליין קינד ראָזעטשקע, אַזוי איז איר טאָכטער ראָזע, די אַלמנה נומער צוויי, געבליבן נאָך שאַפּיראָס טויט מיט אַ קליין קינד פֿייגעלע, וועלכע איז געבאָרן געוואָרן אין דרײַ חדשים אַרום נאָך שאַפּיראָס טויט, — און מיר אַלע דרײַ האָבן די פֿײ־געלע ליב געהאַט דאָס חיות מיטן לעבן, און מיר אַלע דרײַ, איך און פּאַיע און ראָזע, האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום דאָזיקן קינד, ניט צײַט געהאַט צו קלערן וועגן זיך און וועגן מײַן ראָמאַן מיט דער אַלמנה נומער צוויי, מיט ראָזען, וועלכער האָט זיך דערווײַל פֿאַרצויגן ביז פֿייגעלע וועט

אונטערוואַקסן און ווערן אַ מענטש. און אַז פֿייגעלע איז אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אַ מענטש... איך וועל אײַך בעטן, אַז איך דערצייל אײַך עפּעס, זאָלט איר נישט קוקן אין קיין בוך אַרײַן, ס'איז אַ מיאוסע טבֿע, און בעסער הערכן וואָס מע דערציילט אײַך, וואָרעם דאָ פֿאַנגט זיך אָן אַ נײַע געשיכטע.

וואָס איר ווילט, קאָנט איר אַף מיר זאָגן, נאָר קיין פֿאַנאַטיקער, קיין עקשן בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך בין תּמיד געגאַנגען גלײַך מיט דער צײַט. איך בין קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען, צוריקגעצויגן, ווי אַנדערע, וואָס באַקלאָגן זיך אַפֿן נײַעם דור מיט זייערע נײַע אידעען.

אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די אַלטע חכמים מיט זייער אייביקער פּרע־טענזיע: סטײַטש, למאַי זאָל דאָס איי וועלן לערנען אַ הון? ווער איז עלטער — דאָס איי, צי די הון?... בהמות וואָס איר זײַנט! אַדרבה, ווײַל דאָס איי איז ייִנגער, איז דאָס בילכער! איז דאָס פֿעיִקער! איז דאָס קליגער! אַוודאי דאַרפֿן מיר, דער עלטערער דור, זיך גוט צוהערן, וואָס זיי, די ייִנגערע גענעראַציאָן, האָבן אונדז צו זאָגן, וואָרעם זיי זײַנען יונג, זיי זײַנען פֿריש, זיי לערנען, זיי פֿאָרשן, זיי זוכן, זיי געפֿינען, זיי טוען־אויף. וואָס דען? אַזוי ווי איר, פֿאַרשימלטע חכמים, וואָס איר האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף די אַלטע ספֿרים און ביכער און ווילט זיך ניט רירן פֿונעם אָרט?... אין כּעס בין איך נאָר אַף זיי, אַף די יונגע, אַף די נײַע, וואָס זיי לייקענען אונדז אָפּ שוין גאָר אינגאַנצן, זײַנען אונדז מבֿטל, מאַכן אונדז צו קליינגעלט, זאָגן אַף אונדז, אַז מיר זײַנען ניט נאָר בהמות אָדער פֿערד — מיר זײַנען קיין פֿערד אויך ניט, מיר זײַנען גאָרניט! מיר עקזיסטירן ניט! מיר זײַנען נישטאָ! נישטאָ, און אַ סוף!... שטעלט אײַך פֿאָר, עס קומען־אַרײַן צו אונדז, צו מײַנע צוויי אַלמנות מיין איך, און ניט צו מײַנע אַלמנות, נאָר צו אונדזער פֿייגעלע, צום איי־ניקל, דרײַ יונגע צוציקעס; צי סטודענטלעך, צי ניט קיין סטודענטלעך — דער שוואַרץ־יאָר ווייס דעם טאַטן זייערן! שוואַרצע העמדלעך טראָגן זיי, שערן שערן זיי זיך ניט, ווער זיי זײַנען — זאָגן זיי ניט, שאַרפֿע צינגלעך האָבן זיי, און קאַרל מאַרקס איז זייער גאָט — ניט משה רבינו, נאָר גאָט, גאָט אַליין! מילא, גאָט — לאָז זײַן גאָט, דאָס לעבן וועל איך מיר דערפֿאַר נישט נעמען! ובפֿרט, אַז איך אַליין בין אויך ניט ווײַט פֿונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, איך אַליין ווייס אויך, וואָס קאַפּיטאַל באַדײַט, וואָס איז פּראָלעטאַריאַט, עקאָנאָמישער קאַמף, וכדומה אַזעלכע זאַכן,

און אויב איר ווילט וויסן, בין איך אַליין אויך... פֿרייט זיך ניט, נישט קיין בונדיסט, חלילה, נאָר קיין הינקענדיקער שנײַדער אַוודאי נישט!

אַלזאָ, קומען זיי אַרײַן צו אונדז אַלע טאָג, אָט די דרײַ פֿאַרשווינד־לעך, וואָס איך זאָג אײַך; איינער הייסט פֿינקעל, דער אַנדערער באָמ־שטיין, דער דריטער גרוזעוויטש. און גיין גייט מען צו אונדז, ווי צו זיך אַהיים, וואָרעם מײַנע צוויי אַלמנות, די באָבע און די מאַמע, האָבן אַ טבֿע, אַז עס קומט־אַרײַן צו זיי אַ מענטש, וויסן זיי ניט, וווּ אים אַוועקצו־זעצן, וואָלטן אים אַוועקגעגעבן די נשמה, ובפֿרט נאָך אַזעלכע דרײַ אַנ־טיקן, וואָס איינער פֿון זיי איז געוויס אַ קאַנדידאַט פֿאַר פֿייגעלען. דאָס הייסט, קאַנדידאַטן זײַנען זיי אַלע דרײַ, נאָר קיין דרײַ חתנים קאָן זי דאָך ניט האָבן, עס מוז דאָך זײַן איינער — הײַנט גיי טרעף, ווער דער איינער איז, אַז ריידן רעדט מען נישט דערפֿון, חיות נישט זיכער! און פֿרעגן פֿרעגט מען אויך נישט — באַ וועמען וועט מען פֿרעגן? באַ דער מו־טער? וואָס איז באַ זיי די מוטער? אַ יונגע פֿרוי מיט אַ שיין פּנים, און אַ סוף! באַ דער באָבע? וואָס איז פֿאַר זיי די באָבע? די באָבע איז פֿאַר זיי נישט מער, ווי אַ ווירטן, וואָס דאַרף זען, עס זאָל זײַן עסן און טרינקען, אַז זיי קומען צו גיין, און נישט נאָר עסן און טרינקען, נאָר פֿרעסן און זויפֿן... נו, און פֿון מיר שמועסט מען נישט, וואָרעם וואָס בין איך באַ זיי? נאָך אַ שטול באַם טיש, און ווײַטער גאָרנישט. זיי זאָלן דאָס אויסריידן צו מיר אַ וואָרט! סײַדן דאָס זאַלץ־מעסטל באַם טיש, די צוקער־פּושקע, אַ שוועבעלע אַמאָל, אי דאָס — אָן אַ ביטע, אָן אַ „פּאָזשאַלויסטאַ”, נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט איבערן זשילעט, ווי מע רעדט מיט אַ שטומען, אָדער אַ טראָג־אונטער צו אײַך די ליפּן בשעת איר פֿאַררייכערט אַ ציגאַר — און ווײַטער נישט אַ וואָרט! אַמאָל מאַכט זיך, זיי קומען און טרעפֿן מיך אַליין, זעצט מען זיך אַוועק אַלע דרײַ און מע שמועסט, אָדער מע צעלייגט זיך מיט די פּיס אַף די סאָפֿעס און מע שפּײַט. זיי זאָלן דאָס אויסריידן צו מיר אַ וואָרט, כאָטש אַזוי, פֿון איי־דלקייט וועגן. גאָרניט! גלײַך ווי איך בין ניטאָ! נו, און דאָס דאַרפֿט איר וויסן, אַז איך צו זיי וועל אַוודאי נישט אָנהייבן צו ריידן פֿריִער, איך וועל מיך ניט אונטערלייגן, ווי אַנדערע, מיט צוואַנציק טויזנט חני־פֿהלעך און זיסע ריידעלעך און צוקערדיקע שמייכעלעך. עס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן יענער מענטש אַף דער וועלט, פֿאַר וועלכן איך זאָל אָנ־בויגן מײַן קאָפּ, נישט מחמת איך בין אַ גדלן... און לאָמיר זאָגן — יאָ

אַ גדלן, רופֿט דאָס אָן, ווי אַזוי איר ווילט, אײַער מיינונג קאָנט  איר
האַלטן באַ זיך! נאָר איך האָב פֿײַנט, אַז מע רעדט פֿון זיך. איך דערציײל
אײַך פֿון די דרײַ קלאָפּערס, וואָס פֿאַר מינים חיות דאָס זײַנען. אַז איך
האָב מיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט און אַ פֿרעג געטאָן באַ זיי, ווער פֿון זיי
אַלע דרײַ שפּילט אין שאָך, — האָט איר באַדאַרפֿט  אָנקוקן  פּנימער!
האָט איר באַדאַרפֿט הערן אַ געלעכטער! דאַכט זיך מיר, וואָס קאָן דאָ זײַן
פֿאַר אַן אומגליק, אַז מען איז טאַקע אַ סאָציאַליסט, און מע שפּילט פֿונ־
דעסטוועגן אַ שאָך אויך? קאַרל מאַרקס, נישקשה, וועט קיין פֿאַראיבל ניט
האָבן! שמועסט אָבער מיט זיי — ניין! זיי אַליין אַרט מיך ניט. זיי האָב
איך אין דער ערד! ברענען ברענט מיך אַף איר, אַף אונדזער פֿייגעלען,
למאַי לאַכט זי מיט זיי? פֿאַר וואָס זאָל באַ איר זײַן אַלצדינג, וואָס  זיי
זאָגן, קודש־קדשים, הייליק, גלײַך ווי גאָט אַליין האָט דאָס געזאָגט אַפֿן
באַרג סיני? וואָס איז דאָס געוואָרן פֿאַר אַ מין עבֿודה זרה באַ די הײַנ־
טיקע יונגעלײַט, אַ מין פֿאַנאַטיזם, אַ מין נײַע חסידות — קאַרל מאַרקס
איז דער רבי און מיר זײַנען זײַנע חסידים? און אויסער קאַרל מאַרקס איז
אַן עק, אַ סוף, אויס וועלט? ווו איז קאַנט, ווו איז שפּינאָזאַ, ווו איז שאָ־
פּענהויער, ווו זײַנען שעקספּיר, היינע, געטע, שילער, ספּענסער און נאָך
הונדערטער גרויסע מענטשן, וואָס האָבן אויך אַמאָל, כלעבן, געזאָגט אַ
קלוג וואָרט? נישט אַזוי קלוג, ווי קאַרל מאַרקס, אָבער קיין גאָר גרויסע
נאַרישקייטן האָבן זיי דאָך אויך נישט געזאָגט! איך בין, דאַרף  איך

אײַך זאָגן, פֿון די, וואָס לאָזן זיך נישט שפּײַען אין דער קאַשע און האָבן
פֿײַנט, אַז יענער פֿאַררײַסט די נאָז, און דערפֿאַר האָב איך ליב צו טאָן
אַמאָל יענעם אַף צו־להכעיס. דו זאָגסט אַזוי, זאָג איך אַזוי. דו זאָגסט גאָר
אַזוי, זאָג איך דווקא אַזוי — און טו מיר עפּעס! איך האָב דערהערט
איינמאָל פֿון זיי אַ שמועס, אַז גראַף טאָלסטאָי איז גאָרנישט. איך בין
ניט פֿון גראַף טאָלסטאָיס חסידים, איך זאָל אים פֿאַרגעטערן מיט זײַן
פֿילאָזאָפֿיע און מיט זײַן נײַער תּורה פֿון יעזוס קריסטוס, וואָס ער מאַכט
פֿון אים דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען; נאָר אַלס קינסטלער
שטייט באַ מיר טאָלסטאָי ניט נידעריקער פֿון שעקספּיר. אַי,  טאָמער
זײַט איר מיט מיר ניט מסכּים, עס איך מיר ניט אָפּ דאָס האַרץ. איר
ווייסט דאָך שוין מײַן טבֿע... ברענג איך דאָך צו טראָגן אַף צו־להכעיס
טאָלסטאָיס אַ בוך און גיב דאָס פֿייגעלען, זי זאָל האָבן וואָס צו לייענען.
האָט איר באַדאַרפֿט זען, מיט וואָס פֿאַר אַ גרימאַסע מײַן פֿייגעלע האָט גע־

געבן אַ שטויס־אַוועק דעם גראַף טאָלסטאָי! וואָס איז? ניט פֿינקעל, ניט באָמשטיין, ניט גרוזעוויטש האַלטן פֿון סטאָלסטאָי.

בין איך שוין מסתּמא אַרויס פֿון די כּלים (אַז מע דאַרף, קאָן איך זײַן אַ שייגעץ אויך!) און האָב זיי געמאַכט אַלע דרײַ מיט דער בלאָטע גלײַך! איך האָב זיי געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס איז אַ טעאָריע, און אַ טעאָריע בײַט זיך: הײַנט אַזאַ טעאָריע, מאָרגן אַזאַ טעאָריע; און גראַף טאָלסטאָי איז אַ גרויסער קינסטלער — און קונסט בלײַבט אייביק.

נר־נו! האָט איר באַדאַרפֿט זען, ווי מענטשן האָבן זיך עס אַביסל צעפֿלאַקערט! דעם סאָדעגורער צדיק ווען איר זאָלט זאַטשעפּען, וואָלטן זײַנע חסידים ניט באַדאַרפֿט אַזוי פֿײַערן אַף אײַך!...

וואָס טויג אײַך, ווען עס מישן זיך ניט אַרײַן מײַנע צוויי אַלמנות, וואָלט געקאָנט אַרויס צווישן אונדז אַ מיאוסער סקאַנדאַל! איך האָב אָבער אַרויסגעזען נאָכדעם, אַז איך בין געווען אַ נאַר, וואָרעם סוף־כּל־סוף האָב איך דאָך געמוזט ז "י איבערבעטן. ווייסט איר, פֿאַרוואָס? ווײַל פֿייגעלע האָט אַזוי געוואָלט! און אַז פֿייגעלע וויל אַזוי, דאַרף זײַן אַזוי, און לאָז זי מיר זאָגן הײַנטיקן טאָג, למשל, אַז זי וויל, איך זאָל די שטוב איבערטראָגן אַף אַן אַנדער אָרט, איז עפּעס אַ תּירוץ?

נישט נאָר באַצויבערט האָט מיך אָט דאָס מיידל, נאָר גאַנץ איינפֿאַך פֿאַרקנעכטעט, מײַן אייגענעם ווילן האָט זי געטויט און האָט געמאַכט מיך פֿאַר אַ שקלאַף, פֿאַר אַן אויטאָמאַט... נישט נאָר מיך — אונדז אַלעמען האָט זי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט דעם שיינעם שידוך, וואָס זי האָט געטאָן — גרוזעוויטש איז געווען איר באַשערטער, אַ כעמיקער פֿון דריטן קורס, אַ בחורל — קיין מעשׂה נישט, דאָס הייסט, ניט קיין אַי־אַי־אַי — גאָרנישט! פֿאַראַן אַ סך ערגערע! עד איז געווען, ערשטנס, „אַ טאַטנס אַ קינד”. דאָס איז אַ גרויסע זאַך. איר מעגט אײַך זאָגן וואָס איר ווילט, דאָס שפּילט אַ ראָלע. כאַפּט אײַך נישט, איך זאָג נישט קיין יחוס. איך זאָג נאָר, אַז דער שורש האָט אויך אַ שטיקל ווערט; זײַט איר פֿון אַ גראָבן שורש, מעגט איר זײַן געבילדעט, ווי גאָט אַליין, בלײַבט איר אַלץ אַ גראָבער יונג. פֿון די איבעריקע מעלות זײַנע רייד איך נישט. די חבֿרה, מוז מען זאָגן דעם אמת, כּל זמן זיי האַלטן זיך אין דער מראה, זײַנען זיי ערלעך און פֿײַן און נאָבל; קוים אָבער כאַפּן זיי זיך אַרויס אַף דער וועלט פֿאַר זיך און ווערן „געוועזענע” — זאָל אײַך גאָט היטן. טויזנט מאָל ערגער פֿון אַ געוויינלעכן בשׂר־ודם. וואָרעם אַ געוויינלעכער בשׂר־ודם, אַז ער וועט

אײַך אָפּדרייען דעם קאָפּ, וועט ער זיך באַהאַלטן, און אַ „געוועזענער", אַז ער וועט אײַך באַשווינדלען, וועט ער אײַך אויפֿווײַזן על־פּי חקירה, אַז אַ שווינדלער זײַט איר, ניט ער.. נאָר למאַי זאָלן מיר פֿאַרלירן צײַט אַף פּוסטע פֿילאָזאָפֿיע? אונדזער פֿייגעלע איז געוואָרן מאַדאַם גרוזער־וויטש צו זיבעצן יאָר, און איך וועל אײַך ניט דולן מיט קיין לאַנגע ספּורים, וואָס פֿאַר אַ חתונה דאָס איז געווען, ווער האָט די חתונה געפּראַוועט, וועמען האָט דאָס געקאָסט געלט, און וואָס פֿאַר אַ גדולה עס איז געווען באַ די אַלמנות אין שטוב. די מוטער ראָזע האָט דערלעבט פֿירן צו דער חופּה איר טרייסט, די באָבע פּאַיע האָט דערלעבט אַ נחת — חתונה געמאַכט אַן אייניקל. און איך, טיפּש? וואָס איז מיט מיר געווען די שׂמחה אַזוי גרויס? די מיזינקע אויסגעגעבן?... מאָלט אײַך, די שׂמחה האָט לאַנג געדויערט — פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים! מע האָט אונדזער גרוזעוויטשן אַפּן דריטן טאָג נאָך דער חופּה געבעטן אין חדר אַרײַן גאָר פֿאַר אַ קליי־ניקייט: מע האָט געפֿונען אַ גאַנצן אוצר פֿון באָמבעס און פֿון דינאַמיט, און אַזוי ווי דער בחור איז געווען אַ כעמיקער, און אַ באַרימטער כעמי־קער דערצו, איז געפֿאַלן אַף אים דער חשד, און אַגבֿ האָט מען געפֿונען אַ פּאָר בריוולעך פֿון אים, און וואָס טויג אײַך גרויס, מע האָט אים צר־גענומען און אַוועקגעפֿירט...

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיר אַ שטיקל אַרבעט, אַ לויפֿעניש, אַ דרייעניש, אַ שמירעניש, אַ דולעניש — נעכטיקע טעג! כאַפּט מען זיך אַרײַן, און נאָך פֿאַר אַזאַ מיאוסער מעשׂה — איז זײַט געזונט און שרײַבט בריוולעך! הײַנט צוזען דעם צער פֿון דעם יונגן צווײַגעלע, משטיינס גע־זאָגט, פֿון זיבעצן יאָר! און די יסורים פֿון דער מוטער ראָזע! און פֿון דער באָבע פּאַיע! אַ גאָטס שטראָף, אַן אויסגאָס האָט זיך גענומען אַף דער שטוב! הײַנט דאַרפֿט איר וויסן, אַז די געשעפֿטן זײַנען אויך נישט פֿויגל־דיק, אין קעשענע האָט אָנגעהויבן טאָגן, איך האָב אָנגעהויבן פּלוטעווען, מאַכן שווינדל, פֿאַרזעצט מײַנע הײַזער, אונטערגעשמאָלצן די קאַסע; אויס־געגאַנגען דאָס געלט אויך, האָב איך פֿאַרקויפֿט אַ פּאָר קלייטלעך פֿון מײַנע מאַיאָנטקעס... איך דערצייל אײַך נישט קיין חריפֿות פֿון זיך און שטעל מיך פֿאַר אײַך ניט אויס! איך וויל אײַך נאָר איבערגעבן אַ כאַראַקטעריס־טיק פֿון מײַנע אַלמנות, זיי זאָלן זיך דאָס אינטערעסירן אַף אָט אַזוי פֿיל, פֿון וואַנען מע לעבט, פֿון וואָס מע לעבט און מיט וואָס וועט מען לעבן ווײַטער? גאָרנישט, ס'איז ניט זייער עסק! איך דאַרף זאָרגן פֿאַר אַלץ. איך

דאַרף טראָגן אַלץ אַפֿן קאָפּ. איך דאַרף קריכן אין דער ערד אַרײַן! ווער הייסט מיר? איך ווייס, ווער עס הייסט מיר? עם הייסט זיך אַליין! איך וואָלט וועלן זען אײַך אַף מײַן אָרט אין אַזאַ מין לאַגע צווישן מענטשן, וואָס איר ווייסט ניט, ווער פֿון זיי איז מער בריליאַנט! איר קאָנט אַף זיי קיינמאָל נישט האָבן קיין פּאַראיבל, קיינמאָל ניט טראָגן קיין שׂנאה, קיין פֿאַרדראָס; און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל יאָ עפּעס, פֿאַרקלויבט זיך אַ רוח אין האַרצן און איר גייט אַוועק אַהיים אַן אָנגעשטויסענער, — איז גענוג, איר זאָלט קומען צו גיין און באַגעגענען זיך מיט זייער בליק, רעדן פֿון זיי דאָס ערשטע וואָרט, — גייט אַלץ אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און איר פֿאַרגעסט אין איין אויגנבליק, צי איר האָט ווען עפּעס געהאַט קעגן זיי, און איר זײַט גרייט פֿאַר זיי צו קריכן אין דער ערד אַרײַן. אָט אַזעלכע מינים באַשעפֿענישן זײַנען דאָס. נו, גייט טוט עפּעס! און ווער שמועסט, אָט די פֿייגעלע? דאָס איז גאָר אַן אָנשיקעניש פֿון זײַן ליבן נאָמען! עס איז גענוג, זי זאָל געבן איין קוק אַף אײַך מיט אירע שיינע, טיפֿע קירצזיכטיקע אויגן — זאָלט איר שוין אײַננעמען אַ מיתה משונה! האָט קיין פּאַראיבל ניט, איך זאָג עס נישט אײַך, איך זאָג עס מיר אַליין, וואָרעם זי האָט מיך נאָר משוגע געמאַכט מיט איר חתונה האָבן פֿאַר אָט דעם גרוזעוויטשן, מישאַ האָט ער געהייסן, — און ס'איז געוואָרן פֿול די שטוב מיט מישאַ! קיינער דאַרף ניט עסן, קיינער דאַרף ניט שלאָפֿן, קיינער דאַרף ניט לעבן. וואָס איז? מישאַ! מע האָט צוגענומען מישאַן; מע האָט אײַנגעזעצט מי־שאַן! מע וועט משפּטן מישאַן! מע דאַרף ראַטעווען מישאַן! קאַלטע פּרי־פֿאַרקעס — מע לאָזט ניט צו! נישט מיך, נישט זי, נישט קיינעם! איך האָב געזען, אַז דאָ שמעקט מיט „המצא מנוחה", אַז די גרינגסטע שטראָף, אויב ער וועט זײַן אַ מוצלח, קאָן אים אַרײַנפּליִען אין די אייביקע קאַטאָרגע, אַז ניט, איז הענגען!... איך זע, אײַך איז ניט גוט דאָ צו זיצן, זעצט זיך אַוועק אָט דאָ, צום פֿענצטער; און אפֿשר האָב איך מיך אײַך אַביסל צוגעגעסן, איז אָן אַן אומגליק. איך טראָג איבער מער פֿון אײַך. אײַך איז גאָרנישט; איר וועט זיך אויסהערן די מעשׂה (איך ענדיק זי אײַך שוין) און וועט זיך גיין אַהיים, און באַ מיר איז דאָס אַ באָמבע אַף אייביק!

וווּ־זשע האַלטן מיר? באַ הענגען... וואַרשײַנלעך, האָט איר ניט איין מאָל געלעזן אַף די בלעטער, אַז הײַנט האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט צוויי מענטשן, נעכטן האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט דרײַ מענטשן (הענגען מענטשן און קוילען הינער איז הײַנט גע־

וואָרן אַלץ איין נײַעס). און איר בשעת־מעשׂה וואָס טוט? אָדער איר זיצט און וויגט זיך און רייכערט זיך אַ געשמאַקן האַוואַנער ציגאַר, אָדער איר טרינקט נאָר בעת־מעשׂה אַ גוטע גלאָז קאַווע מיט פֿרישע זעמלעך מיט פּוטער. אַי, דאָרטן ענגט אַ מענטש, עס וואַרפֿט זיך און עס צאַפּלט זיך אין די לעצטע סעקונדן פֿון זײַן אַגאָניע אײַערער אַ באַקאַנטער. אַן איי־גענער, אַ היימישער, וואָס איר האָט אים נישט לאַנג געזען פֿול מיט לעבן, אַזוי ווי איר אַצינד? אַי, דאָרטן ליגט נאָך אַ וואַרעמער גוף, וואָס תּלינים האָבן מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פֿון אים די נשמה? אַי, דאָרטן מוטשעט זיך אַ מענטש, ער וואָלט וועלן וואָס גיכער שטאַרבן, נאָר עס שטאַרבט זיך ניט, וואָרעם דער תּלין האָט ניט גוט אויפֿגעצויגן דעם שטריק, אָדער ער האָט זיך גאָר אָפּגעריסן און אַראָפּגעפּאַלן צווישן טויט און לעבן, און ער בעט זיך נעבעך באַ די הינריכטער מיט אַ קוק פֿון זײַנע האַלב־אָפּגעשטאָר־בענע אויגן, מע זאָל אים טאָן זײַן רעכט וואָס גיכער?... וואָס? איר קאָנט ניט לײַדן, אַז מע רעדט דערפֿון? איר זײַט אַ מפֿונק? איך בין אַזאַ מפֿונק, ווי איר. און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך בין אַליין געקראָכן אומעטום, גע־ווּסט די מינוט, די רגע, וואָס מע וועט אים הינריכטן, און געלייענט נאָכ־דעם אין די צײַטונגען די באַשרײַבונג, ווי אַזוי איינער פֿון די דרײַ (גע־האַנגען האָט מען זיי אַלע דרײַ) האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיטן טויט, מחמת ער איז געווען אַ שווערער (דאָס איז געווען באָמשטיין), האָט מען אים צוויי מאָל געמוזט הענגען... אַזוי האָט מען געשריבן נאָכדעם אין די צײַ־טונגען, און מיר האָבן עס געלייענט, דאָס הייסט, ניט מיר אַלע, געלייענט האָבן דאָס נאָר איך און ראָזע: פֿון דער באָבע מיטן אייניקל האָבן מיר די בלעטער באַהאַלטן — און אַזוי האָט זיך די שטוב באַרײַכט מיט נאָך אַ יונגער אַלמנה, אַלמנה נומער דרײַ!... און אַ טרויער האָט זיך געלייגט אַף דער שטוב, אַ שטילער, אַ טויטער טרויער, אַזאַ טרויער, וואָס עס עק־זיסטירט ניט פֿאַר אים ניט קיין פֿאַרב, ניט קיין ווערטער; אַזאַ טרויער, וואָס באַשרײַבן אים טאָר מען ניט, וואָרעם באַשרײַבן אים הייסט פּראָ־פֿאַנירן; אַזאַ טרויער, וואָס ווען אַ שרײַבער פֿון אײַערע שרײַבערס רירט זיך צו צו דעם, וואָלט איך אים איבערגעבראָכן די פֿינגער!... אַזאַ טרויער, וואָס מע דאַרף ניט. מע קאָן ניט און מע טאָר ניט פֿון אים ריידן... אַלץ לעבט נאָר אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אין די ערינערונגען. דרײַ אַלמנות — דרײַ לעבנס. נישט קיין גאַנצע לעבנס, נאָר האַלבע לעבנס, און נישט קיין האַלבע אויך, נאָר שטיקלעך לעבנס, אָנפֿאַנגען פֿון לעבן. איטלעכס פֿון די

דרײַ לעבנס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גוט, אַזוי פּאָעטיש, אַ שײַן געטאָן אַף אַ מינוט — און פֿאַרשוווּנדן!... פֿון מיר רייד איך נישט. איך בין נישטאָ. דאָס הייסט, גיין גיי איך אַהין אַלע טאָג, זיך־אויס מיט זיי גאַנצע נעכט, ריידן פֿון אַמאָליקע גליקלעכע טעג, דערמאָנען זאַכן מיט מעשׂיות מיט געשיכטעס פֿון מײַן טײַערן פֿרײַנט פּיניע פֿון דעם גוטן ערלעכן שאַ־פּיראָ, פֿונעם העלד מישאַ גרוזעוויטש, וואָס די צײַטונגען האָבן נאָכדעם אַף אים געשריבן, אַז אין זײַן פֿאַך, כעמיע, איז ער געווען אַ זשעניע... און אַוועקגיין גיי איך אַוועק פֿון דאָרט אַלע מאָל מיט אַ צעוויייטיקט האַרץ, מיט אַ פֿאַרדראָס און איך פֿרעג מיך אַליין: פֿאַרוואָס האָב איך פֿאַרשפּילט מײַן לעבן אַזוי נאַריש? ווּ הייבט זיך אָן מײַן ערשטער פֿעלער און ווען וועט זײַן דער לעצטער? אַז ליב האָב איך זיי אַלע דרײַ, און טײַער זײַנען זיי מיר אַלע דרײַ, און יעדע פֿון די דרײַ האָט געקאָנט זײַן מײַנע, און אפֿשר נאָך איצט אויך... און איטלעכער פֿון די דרײַ בין איך אי ליב, אי איבעריק, אי נייטיק, אי אָנגעוואָרפֿן. און לאָם איך איין טאָג נישט קר־מען, טוט זיך חושך, און לאָם איך זיצן אַן איבעריקע האַלבע שעה, זײַנען זיי מיך משלח, פּשוט הייסן מיר נעמען דעם וועג. טוען נישט פֿון דאַנען אַהין, זיי זאָלן מיך נישט פֿרעגן. לאָם איך זיי עפּעס פֿאָרהאַלטן, זאָגן זיי, אַז איך האָב ליב אומעטום זיך אַרײַנמישן, — ווער איך אין כּעס און לויף אַוועק און פֿאַרשליס מיך מיט דער קאַץ און זאָג אָן דער דינסט, אַז טאָמער וועט מען צו מיר קלינגען, זאָל זי זאָגן, אַז איך בין נישטאָ, אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן, און נעם מיך צו מײַן טאָגבוך. איז פֿיר אַ טאָג־בוך שוין זעקס־און־דרײַסיק יאָר, אַן אינטערעסאַנט בוך; איר קאָנט שוין זיכער זײַן! פֿאַר מיר אַליין פֿיר איך דאָס בוך, נישט פֿאַר קיינעם. אַזוי לאַנג קרענקט די ליטעראַטור אײַערע, ווי לאַנג זי איז ווערט צו האָבן אַזאַ טאָגבוך! אײַך, קאָן זײַן, וועל איך דאָס אַמאָל ווײַזן, קיין אַנ־דערן — פֿאַר קיין געלט נישט... און וואָס טויג אײַך, עס גייט נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, קלאַפּט מען מיר אָן אין טיר. „ווער איז עס?" — „דאָס מיידל פֿון די אַלמנות איז געקומען אײַך רופֿן צום מיטאָג. וואָס זאָל מען איר זאָגן?" — „זאָגט, אַז איך קום באַלד צו גיין".

נו? וואָס וועט איר עפּעס איצטער זאָגן, מײַן ליבער פֿריץ? וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער פּסיכאָלאָגיע?... איר כאַפּט זיך גיין? קומט, איך גיי אויך מיט אײַך. איך דאַרף זײַן באַ מײַנע דרײַ אַלמנות. איין מאָמענט נאָר, איך וועל אָנזאָגן, מע זאָל דאָ געבן דער קאַץ עסן, וואָרעם

איך קאָן מיך דאָרט פֿאַרזיצן ביז טאָג אויך אַמאָל. מיר שפּילן אין „יעראַלאַש”, אַמאָל אין פּרעפֿעראַנס. אין געלט שפּילן מיר. און איר זאָלט זען, ווי יעדער וויל געווינען! און אַז מע מאַכט אַ שלעכטן גאַנג, לייגט מען נישט קיין כּבֿוד, ניט זיי אַף מיר, נישט איך אַף זיי. באַ מיר, אַז עמעצער מאַכט אַ שלעכטן גאַנג אין קאָרטן, בין איך קאַפּאַבל יענעם דורס זײַן, צערײַסן! וואָס באַטײַט, למשל, אײַער שמייכל? איך וויס, גלייבט מיר, וואָס איר טראַכט אַצינד. איך קען אײַך דורך און דורך, און לאַך פֿון אײַער באָבע! איר טראַכט אַצינד אַף מיר: „אַן אַלטער בחור, אַ בעל־כּעסן”...

ע ד  כ א ן  אַ ל ע  ד ר ײַ  אַ ל מ נ ו ת.

געשריבן אין יאָר 1907